Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

היינט 10 זייטען — פרייז 15 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 167 | Łódź, Wtorek, 19 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ט״ו תמוז תרצ״ב | № 167

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בלוטיגער שניט פון די פאליטישע קאמפען אין דייטשלאנד

16 דערהרגעטע, איבער 100 פערוואונדעטע באריקאדען אין אלטאנא. — קאמפען אין פיל שטעט

בערלין, 18. (ספ. טעל.) מיט'ן דערנעהנ-טערן זיך פון טערמין פון די רייכסטאגס-וואהלען, וועלכע קומען פאר דעם 31. יולי, פערשארפען זיך די קאמפען צווישען די פיינדליכע פארטייען אין דייטשלאנד. דער בלוטיגער שניט פון לעצטען זונטאג בעטרעפט 16 טויטע און איבער 100 פער-וואונדעטע.

די שווערסטע קאמפען צווישען די היטלע-ריסטען און קאמוניסטען זענען פארגעקומען אין אלטאנא און גרייפסוואלד. אומעטום האט אינטער-וועניגרט די פאליציי. נעבען פירסטענוואלד האט אין דער אקציע נעמיזט אנטיילנעהמען א שוואדראן פון דער רייכסווער מיט פולעמיאטען.

אין אלטאנא זענען פארגעקומען קאמוניס-טישע דעמאנסטראציעס נעגען פאשיזם. ווען די קאמוניסטען האבען זיך געפינען אין דער ארבייטער-געגענד, האבען זיך א שאס געטון פון אונטער די פלויטען 150 רעוואלווער-שאסען.

די פאליציי האט באלד צוריקגעשאסען און אדורכגעפיהרט א רעוויזיע אין די ארומיגע הייזער, אבער אהן רעזולטאט.

באלד זענען אויפ'ן ארט פון דער געשעהע-ניש געקומען פאנצער-אויטאמאבילען מיט פאליציי פון האמבורג.

די העמאנסטראנטען האבען דערווייל גע-שטעלט באריקאדען פון טראמוואי-וואגאנעס און פון אלעם, וואס זיי האבען נאר געהאט אונטער דער האנד. אין די קאמפען האבען זיך אויך ארייגעמישט די שטורם-אפטיילונגען, שיסענדיג בלינד אין די דורכגעהער. אין אלגעמיין זענען פערוואונדעט געווארען 55 פערזאן, 28 זעהר שווער, וועלכע זענען אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל. די צאהל דער'הרגעטע בעטרעפט 12 פערזאן, צווישען זיי 2 היטלער-לייט, 3 פרויען, די רעשט קאמוניסטען און צופעליגע דורכגעהער.

אין גרייפסוואלד איז דערהרגעט געווארען 1 קאמוניסט און 2 היטלעראווצעס; פערוואונדעט זענען געווארען 24 פערזאן.

אין בערלין איז געווארען דערשאסען איין קאמוניסט און אין פיל שטעט זענען פערהאן שווער פערוואונדעטע.

בערלין, 18 (ספ. טעל.) היינט נאכמיטאג איז פערעפענטליכט געווארען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'איז פערבאטען איינצוארדנען דעמאנ-סטראציעס אין גאנץ דייטשלאנד.

בערלין, 18. (ספ. טעל.) ס'איז פערעפענט-ליכט געווארען די פעראָרדנונג וועגען שאפען די פרייוויליגע ארבייטס-אפטיילונגען, וועלכע וועלען בענוצט ווערען צו פערשידענע רעגירונגס-ארבייטען. די פרייוויליגע אפטיילונגען וועלען שפעטער פער-וואנדעלט ווערען אין צוואנגס-אפטיילונגען.

שטערבליך פערוואונדעט מארק יובילער

דער געוו. דירעקטאר פון יודישען ארטיסטען-פעראיין

ווארשא, 18 (טעלעפאניש)

קיין ווארשא איז היינט אנגעקומען א ידיעה, אז אין טשעשין איז שטערבליך פערוואונדעט גע-ווארען דער געוו. דירעקטאר פון יודישען ארטיס-טען-פעראיין מארק יובילער.

יובילער איז זונטאג ארויסגעפאהרען צוזא-מען מיט זיינע חברים פון ספארט-קלוב „לעגיא" אויף זיין מאטאציקל אויפ'ן שטערן-צוזאמענפאהר אין טשעשין, דער צוזאמענפאהר איז געלונגען און היינט איינדערפריה איז יובילער ארויסגעפאהרען צוריק קיין ווארשא. אין קויש איז געזעסען זיין פריינד נארבערט ווייסבארד, אויפן שאסיי איז איהם א קעגען געקומען אנ'אויטא. יובילער האט געוואלט אויסמיידען, אבער ער איז מיט דער גאנצער קראפט ארויפגעפאהרען אויף א טעלעגרא-פען-סלופ, די פאלגען זענען געווען פאטאלע, ביי יובילערן איז צושפאלטען געווארען דער מוח און ער האט זיך צובראכען א האנד, ער איז גלייך אפגעפיהרט געווארען אין טשעשינער שפיטאל.

ביז 12 ביינאכט, ווען מיר האבען זיך טע-לעפאניש פערשטענדיגט מיטן שפיטאל, האט ער נישט צוריקבעקומען דאס בעוואוסטזיין. זיין צו-שטאנד איז אנ'ערנסטער, ווייסבארט איז בלויז לייכט פערוואונדעט געווארען.

ווען וועלען די דאקטוירים קענען אדורכפיהרען אנ'אבארט?

ווארשא, 18 (טעלעפאניש) דער געזונד-הייטס-דעפארטאמענט ביים ארבייטס-מיניסטעריום האט איבערגעשיקט די דאקטוירים-ארגאניזאציעס א נייעם פראיעקט וועגען אויספיהרען דאקטוירים-פראקטיק.

דער נייער פראיעקט זעהט פאר, אז די דאקטוירים וועלען האבען רעכט אדורכצופיהרען אבארטען אין אויסנאהם-פאלען.

אזא אפעראציע וועט זיין ערלויבט ווען ס'וועט פעסטגעשטעלט ווערען דורך 2 דאקטוירים, אז דער אבארט איז א נויטווענדיגקייט צוליבן געזונד פון דער פאציענטקע און אויך אין פאל, ווען די שוואנגערשאפט איז א רעזולטאט פון פערברעכען, גוואלד א. א. וו.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 38 יאהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, טאכטער, שוועסטער און שוועגערין

נ״ע פעלא הערשקאוויטש

(געב. העלפגאט) געוואוינט קילינסקעגא 60

די לויה קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 19-טען יולי 1932, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

4379

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע **קאמגארנס**, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף **אנציגער** און **פאלטענס**

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערציינט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געפינט זיך נאר

אין פראנט, II שטאק

שייטלען

— מים —

פאריזער שרינדען

ווי אויך

פערטיגע שייטלען

ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט

און אנדולאציע

צו ביליגע פרייזען

ביי **קערש**,

סקווערא 15.

יודישע געז. פאר לאנדקענטשאפט איז פוילן

פון 31/VII ביז'ן 10/VIII אויספלוג מיט'ן סטאטעק

„מיט דער ווייסעל צום באלטישן ים"

וועלכער האט ארויסגערופען גרויס פאראינטערעסירונג אין די טוריסטישע קרייזען צוליב די זעהר וויכטיגע אטראקציעס, וואס זענען פערבונדען מיט'ן אויספלוג, ווי אויך א דאנק די ביליגע קאסטען. עס ווערען בעזוכט: **ווארשא, פלאצק, וולאצלאוועק, ציעכאצינעק, טארן, דאנציג, צאפאט, גדיניע** און **העל** – דריי טאג אפרוה אין דער אייגענער קאלאניע פון דער יוד. געזעלש. פאר לאנדקענטשאפט אין פוילן, אפטיילונג אין לאדז, אין קארוויע אויפ'ן באלטיק.

די אויבענדערמאנטע ערטער וועלן ווערען בעזוכט אונטער דער אנפירערשאפט פון בעוואוסטע וועג-פיהרער, וועלכע קענען גוט די ארטיגע אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע מערקווירדיגקייטען פון די שטעט, ווי: מוזעאומס, הייליגטימער א.א.וו.

אינפארמאציעס וועגען די אלע אויספלוגען ערטיילט דער סעקרעטאריאט פון דער יוד. געז. פאר לאנד-קענטשאפט אין פוילן, אפט. אין לאדז, וואולטשאנסקא 35, טעלעפאן 121-53 טעגליך פון 22–20 אוונט. א חוץ שבת און זונטאג.

א טיכטיגע קאוויארקע

צו דער קוך

ווערט געזוכט אין דער צומערניע

„PAVILLON" שענקיעוויטשא 40

פאר גאלד, ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

11-טע ליסטאפאד 9

(קאנסטאנטינער), טעלעפאן 127-81

שפרעכשטונדען פון 10—12 און 5—7, נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזש׳ר 17 פון 10—12.

דר. מעד. בערמאן

צעגעלניאנא 15, טעל. 149 07.

ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקה.

מענער-שוועכע בעהאנדלונג.

נעהמט אן פון 8–11 פריה און פון 4-8 אוונד,

זונטאג פון 9-1 בייטאג.

פאר אונבעמיטעלטע–לעטשניצע-פרייזען.

פּוילען פיהרט אן מיט דער אקציע

אז אלע אייראפּעאישע מלוכות זאלען צוטרעטען צום ענגליש-פראנצויזישען „צוטרוי-אפּמאך"

לאָנדאָן, 18 (ספּ. טעל.)) „דיילי טעלעגראַף" מעלדעט, אַז אין דער פראַגע פון דער פּראָצעדור אין דעם ענגליש-פראַנצויזישען אַזוי-גערופענעם „צוטרוי-אַפּמאַך", איז אַריינגעטרעטען אַ שטיקעל צומישונג.

ווען דער דאָזיגער אַפּמאַך איז פּעריפענט-ליכט געוואָרען האָט מען געמיינט, אַז צו איהם קען צוטרעטען נאָר די גרויסע מלוכות, וועלכע האָבען אַנטיילגענומען אין דער לאָזאַנער קאָנפערענץ, ד. ה. ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, דייטשלאַנד און בעלגיען.

דערווייל האָט דער ענגלישער אויסערן-מיניס-טער סימאָן ערקלערט, אַז יעדע אייראָפּעאישע מלוכה קען צוטרעטען צום דאָזיגען אַפּמאַך.

אַזוי אַרום וואָלט דער נייער ראַט געווען אַ איי-בער'חזרונג פון דער פּאַן-אייראָפּעאישער קאָמיס'ע, וועלכע איז אויסגעטיילט געוואָרען דורך דער פעל-קער־ליגע נאָך בריאַנס בעריהרטען פּראָיעקט.

די אַקציע מצד די אַנדערע מלוכות וועגען זייער צוטרעטען צו דעם אַפּמאַך ווערט געפיהרט דורך פּוילען, וועלכע האָט אָנגעפרעגט ביי ס'ווערט געפלאַנט אייגצולאָדען אַנדערע מלוכות.

סימאָן האָט דערויף געגעבען דעם פּאָרשטעהער פון פּוילען אַ גינסטיגען ענטפער.

ריזיגע שרפה איז פארגעקומען אין אנטווערפּענער פּארט

בליק אויף דעם פּאָרט אין אנטווערפּען

שווערע גאז-קאטאסטראפע אין דייטשלאנד

18 טויטע, צעהנדליגער פער'סמ'טע

געלזענבערג, 18 (ספּ. טעל.)

אין אַ כעמישער פאַבריק איז פאָרגעקומען אַן'אויפרייס פון די גאַז-קעסלען. אין דער פאַבריק זענען אומגעקומען 18 אַרבייטער.

דער גאַז האָט זיך אַרויסבעקומען אויף די גאַסען און פעלדער. די גאַנצע תבואה איז פול-שטענדיג פערניכטעט געוואָרען. אין גאַס זענען געפאַלען עטליכע צעהנדליג מענשען פון גאַז פער-סמ'ונג.

אטענטאט אויף אפינלענדישן מיניסטער

העלסינגפאָרס, 18. (ספּ. טעל.) נעכטען איז אויסגעפיהרט געוואָרען א דרייסטער אַנפאַל אויפ'ן פינלענדישען מיניסטער פון נאַציאָנאַלער פערטיידיגונג לאַדענסוּאָ.

אַ גרופּע פון 4 מאַסקירטע און בעוואָפענטע מענשען האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער ווילע פון מיניסטער און עטליכע מאָל געשאָסען אויפ'ן מיניסטער, דאַן זענען זיי ענטלאָפען.

דער מיניסטער איז אַרויס אונבעשעדיגט.

דעם אטענטאַט האָבען אויסגעפיהרט די פינלענ-לענדישע פאַשיסטען (לאַפּאָוצעס), צו וועלכע דער מיניסטער האָט אַמאָל געהערט.

בעגייט די סאוו.-איטאליענישע אונטערהאנדלונגען

וועגען א גרויסען ווירטשאפטליכען אפּמאך

רוים, 18 (ספּ. טעל.)

נאָך אַ לאַנגער הפסקה זענען ווידער בע-נייט געוואָרען די אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ נייעם ווירטשאַפטליכען אַפּמאַך צווישען איטאַליען און די סאָוויעטען. ביז איצט האָבען די אונטער-האַנדלונגען אָנגעטראָפען אויף שווערינקייטען צוליב דעם, ווייל איטאַליען האָט פערלאַנגט פאַר זיך אין דעם סחורה אויסטויש מיט די סאָוויעטען אַ גרע-סערען גלייכגעוויכט און אויך בעסערע גאַראַנטיעס פון צאָהלען פאַר די איטאַליענישע סחורות.

בנוגע אַנדערע בעדינגונגען איז איטאַליען גרייט צו געהען אויף די גרעסטע הנחות.

געהיימראט סירופּ

וועט בעשטימט ווערען אלס קאָמיסאַר פון צוואַנגס-אַרבייט, וואָס ווערט איינגעפיהרט אין דייטשלאַנד

באטא אלס קרבן פון א פערברעכען

אַזוי דערצעהלען די ווינער צייטונגען

פּראַג, 18 (ספּ. טעל.).

צווישען די אַרבייטער פון באַטאַס פאַבריקען אין זשלין קורסירען פאַנטאַסטישע קלאַנגען, אַז די אַעראָפּלאַן - קאַטאַסטראָפע מיט באַטא איז נישט געווען קיין צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַן'אַטענ-טאַט.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „זאָן-און־מאָנטאַג־צייטונג" בעשטעטיגט די דאָזיגע קלאַנ-גען און שטעלט פעסט, אַז אַ רייהע סמנים פיהרען דערצו, אַז דער אַעראָפּלאַן איז בכיוון בעשעדיגט געוואָרען.

פּרובען פון סאַבאָטאַזש ווערען שוין נישט גע-מאַכט צום ערשטען מאָל. נאָך באַטאַס צוריקקעה-רען פון אינדיען, האָט אַן'אומבעקאַנטער פערברע-כער איבערגעשניטען דעם רודער ביים אַעראָפּלאַן און אויך דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָ-פע. נאָר אָהן מענשליכע קרבנות. אַ צווייטע קאַ-טאַסטראָפע מיט באַטאַס אַעראָפּלאַן איז פאָרגעקו-מען מיט 8 וואָכען צוריק און דעמאָלט איז דער-הרג'עט געוואָרען באַטאַס אַ מיטאַרבייטער, איניזש. הושפּעלעץ.

די לעצטע קאַטאַסטראָפע איז זיכער דער דריט-טער, אָבער שוין דער לעצטער אַטענטאַט.

מלחמה וועגען א האלבען פּראצענט

צווישען דער רעגירונג און דער ענג-לישער באנק

לאָנדאָן, 18 (ספּ. טעל.)

„דיילי העראַלד" מעלדעט וועגען דעם קאַמף וואָס ווערט איצט געפיהרט צווישען דעם פינאַנץ-מיניסטעריום און דער ענגלישער באַנק.

דאָס ענגלישע פינאַנץ-מיניסטעריום פּרובט צו ווירקען אויפ'ן גובערנאַטאָר פון דער ענגלישער באַנק, נאָרמאַן, אַז ער זאָל מסכים זיין אויף צו פערקלענערען דעם דיסקאָנטאָ-פּראָצענט פון 2 אויף אנדערהאלבען.

די ענגלישע באַנק וויל נישט נאָכקומען דעם פערלאַנג, ווייל קיין מאָל האָט נאָך דער דיסקאָנטאָ-פּראָצענט נישט בעטראָפען קיין אנדערהאלבען פּראָצענט.

א אמעריקאנער מיסיאנער מיט 3 זיהן

זענען ערמארדעט געווארען דורך כינעזישע באנדיטען

פּאַריז, 18 (ספּ. טעל.).

לויט ידיעות וואָס זענען אָנגעקומען צו דער פראַנצויזישער פּרעסע פון כינאַ, איז דער אַמעריקאַ-נער מיסיאָנער הענסאָן מיט זיינע 3 זיהן ערמאָרדעט געוואָרען דורך כינעזישע באַנדיטען, נאָך דעם 20. יוני, בעת זיי האָבען גערייזט אין דער פּראָווינץ טשענסי.

דער רוסישער שאָפער איז אויך ערמאָרדעט געוואָרען.

אין ראדאם האט געזיגט די ליסטע פון הרב קעסטענבערג

ראַדאָם, 18 (טעלעפאָניש) דער רעזולטאַט פון די רבנים-וואַהלען אין ראַדאָם, איז דער, אַז די ליסטע פון הרב קעסטענבערג האָט בעקומען 2283 שטימען, די איבריגע ליסטעס האָבען צוזאַ-מען בעקומען 654 שטימען.

די דייטשע פליהערין מארגא עטצדארף

איז צוריקגעקומען פון איהר חדשים-לאַנגער רייזע אין מזרח-אזיען

פריינדשאפטס-בעזוך פון מאנדזשורישע פרויען אין יאפּאן

צו פערפעסטיגען די פריינדשאפט צווישען ביידע לענדער

קויפט ביי אונזערע אנאנסען-געבער

טעאטער „סקאלא", שרודמיעסקא 15.

גאַסטשפּילען פון דער וועלט-בעריהמטער קינסטלערין, שטערן פון ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער
בערטא גערסטען
מיט אנטייל פון קלארא סעגאלאוויטש

היינט, דינסטאָג, ד. 19-טן יולי, 9 אָוונט צום 2-טן מאָל
גרויסע סענסאַציאָנעלע פּרעמיערע
מאדאם X

קלאַסישע מעלאָדראַמע פון ביסאָן. אין דער הויפּט-ראָלע בערטא גערסטען און פאָלג. ערשטקלאַסיגען אַרטיסטען-אַנסאַמבל: סעגאַלאָוויטש קלאַרא, באַרסקא פּישער, שילער רבקה, ראָזענבלום דבורה, בוזגאַן חבל, בליאַכער שבתי, לאַנדוי שמואל, מעלניק נחום, סטרוגאַטש יוסף, שריפטזעצער לייב. טעכנ. לייטער: ק. גוטמאַן. סופליאָר: מ. אייזענבערג. בילעטען אין קאַסע פון 11—1 און 5—9. דאָס טעאַטער איז טעכניש ווענטילירט און ס'איז זעהר קיהל.

מיטוואָך, דעם 20-טן יולי — א. גרויסער רעווי-פּראָגראַם ג. אוונט פאַר שטרויענע אלמנס!

וואַרשאווער קהלה-ראט זאל פונאנדערגעלאזט ווערען ווייל זי איז נישט פעהיג צו ארבייטען

וואַרשאַ, 18 (טעלעפאניש) אין ווארשא קורסירען איצט קלאנגען, אז די רעגירונג בעטראכט א פארשלאג וועגען פונאנדערלאזען דעם ווארשא-ווער קהלה-ראט צוליב דעם, וואס ער איז נישט ארבייטספעהיג.

ווי מ׳גיט איבער זאל אזא פעראָרדנונג גאר אינגיכען ערשיינען.

רעוואלוציאָנערע קאמפען אין בראזיל

לאנדאן, 18 (ספ. טעל.).

פון ריא-דע-זשאנעירא מעלדעט מען וועגען נייע קאמפען צווישען רעגירונגס-מיליטער און די רעוואלוציאנערען אין שטאט סאא פאולא. דאס רעגירונגס-מיליטער האט אפגעהאלטען א זיג. די רעגירונגס-אעראפלאנען האבען בעוואַרפען דאס רעוואלוציאנערע מיליטער מיט פראקלאמאציעס, וועלכע האבען גערופען צו שלום.

רעזולטאט פון די פארלאמענט-וואהלען אין רומעניען

די זאראניסטען בעקומען 2 דריטעל מאנדאטען

בוקארעשט, 18 (ספ. טעל.).

די רעזולטאטען פון די זונטאגדיגע וואהלען צום רומעניש׳ן פארלאמענט זענען דערווייל נאר טיילווייז בעקאנט, דער ענדגילטיגער רעזולטאט וועט ערשט מארגען פערעפענטליכט ווערען.

לויט די אנגעקומענע ידיעות האט די נאציאנאלע פויערים-פארטיי (זאראניסטען) דערגרייכט 40 פראצ. פון אלע שטימען, צוליב דעם וועט זי בעקומען א פרעמיע, וואס איז פארגעזעהען אין דער וואהל-ארדינאציע אין דער צאהל פון 193 מאנדאטען, אזוי ארום האט די רעגירונגס-פארטיי א געזיכערטע מעהרהייט פון 2-דריטעל שטימען אין פארלאמענט.

די קוזיסטען האבען אויך געוואונען שטימען.

ענגלאנד שטעהט ווידער בראש

פון די עקספארטירענדע מלוכות

לאנדאן, 18 (ספ. טעל.)

„מארנינג-פאסט" שטעלט פעסט אויפ׳ן גרונד פון די לעצטע סטאטיסטישע ציפערען, אז ענגלאנד האט זיך אין דעם ערשטען האלבען יאהר פון 1932 ארויסגערוקט בראש פון די עקספארטירענדע מלוכות.

פערגאנגענעם יאהר איז אויפ׳ן ערשטען ארט געשטאנען אמעריקע, אויפ׳ן צווייטען דייטשלאנד.

אפגערופען דעם קוילען-שטרייק אין בעלגיען

בריסעל, 18 (ספ. טעל.)

היינט איז אונטערגעשריבען געווארען דער הסכם צווישען די שטרייקענדע קוילען-ארבייטער און די גרובען-בעזיצער אין בעלגיען, נאכדעם איז דער שטרייק אפיציעל אפגערופען געווארען.

אויפן גרונד פון דאזיקען הסכם וועלען די ארבייטער-שכירות נישט רעדוצירט ווערען ביזן 1 נאָיועמבער. נאכדעם ערשט קען די רעדוקציע בעטרעפען 5 פראצענט.

מ׳האט געשטערט היטלער׳ן צו רעדען

סלאגט ער אן די פאליציי צו הינדענבורג׳ן

קעניגסבערג, 18 (ספ. טעל.) דעם פערגאנגענעם זונטאג האט היטלער געזאלט האלטען א פאליטישע רעדע. די פאליציי האט אבער נישט דערלאזט דערצו. ארום דער טריבונע פון וועלכער היטלער האט געזאלט רעדען, זענען ארומגעשטעלט געווארען 8 פאליציי-אויטאס. היטלער האט געוואלט אנהויבען צו רעדען, זענען די מאטארען געלאזען געווארען אין גאנג, אזוי אז ס׳איז געווען אוממעגליך צו הערען. היטלער האט זיך שטארק צובייזערט און אוועקגעשיקט פראטעסט-טעלעגראמען צו הינדענבורגען, פאן פאפען׳ען אין גען. שלייכער.

11 מיליאן ארבייטסלאזע

זענען אין אמעריקא פערמשפט אויף הונגער

ניו-יארק, 18 ספ. טעל)

דער פארזיצער פון דער אמעריקאנער ארבייטס-פעדעראציע גרין פיאם ערקלערט, אז צוליב דער נישט גענוגענדער הילף פאר ארבייטסלאזע וואס דער קאנגרעס האט בעשטימט, וועט פאר אויסגעזעהען, אז ווינטער וועט קומען צו גרויסע ... גרוהען צוליב׳ן פעהלען פון לעבענסמיטעל.

לויט ווי ס׳שטעלט פעסט גרין זענען איצט אין אמעריקא פאראן 11 מיליאן ארבייטסלאזע.

וועגען 42 מיליאן דאלאר

ווערט געפירט א פרעסע-פראצעס אין ניו-יארק

ניו-יארק, 18 ספ. טעל)

די פרעסע ווידמעט זעהר פיל ארט דעם פראצעס, וועלכען ס׳האט פערפיהרט דער מיליאנער הענרי דאהערטיי, געגען דער צייטונג „קאנסאס סיטי סטאר".

דאס איז א פראצעס פאר רכילות, דען ביי פאר-דערט דאהערטיי 26 מיליאן דאלאר ענטשעדיגונג פאר די מאטעריעלע שאדענס און 16 מיליאן דאלאר שטראף.

די דערמאהנטע צייטונג האט דורך עטליכע חדשים כסדר פערעפענטליכט ארטיקלען, אין וועלכע מען איז אויף א שארפען אופן אנגעפאלען אויף דעם מיליאנער.

——=):o:(=——

זיי גרייטען זיך צו...



דייטשע שילער פארן קרינס-פלאט

אבגעפאהרען קיין בירא-בידזשאן

2-טע גרופע פאריזער יודישע ארבייטער

פאריז, 18 (ספ. טעל.).

פון „באר די גארד" איז אפגעפאהרען קיין בירא-בידזשאן די צווייטע גרופע פאריזער יודישע ארבייטער.

ס׳זענען אפגעפאהרען ,עטליכע און דרייסיג מאן.

א גרופע פון 6 מאן איז נאך נישט געווען גרייט צו דער רייזע און וועט בעזונדער אפפאהרען אין די נאהענטסטע וואכען.

ד יצווייטע גרופע עמיגראנטען איז אין איהר גרעסטען טייל בעשטאנען פון יונגע ארבייטער און ארבייטערינס, וועלכע האבען אין פאריז נישט געקענט איינארדנען זיך.

ד בעדינגונגען זענען פאר זיי געווען די זעל-בע, ווי פאר דער ערשטער גרופע איבערוואנדערער, וועלכע איז אפגעפאהרען מיט איניגע וואכען צו-ריק.

זיי האבען אונטערגעשריבען קאנטראקטען אויף 2 יאהר מיט דער מאסקווער „געזעלשאפט פאר יו-דישע קאלאניזאציע". דורך דער פערמיטלונג פון דער יודישער סעקציע ביי דער „געזעלשאפט ... פון ראטען-פער-באנד" אין פאריז.

די יודישע סעקציע האט ביז איצט בעקומען 135 ווייזעס פאר יודישע איבערוואנדערער פון פא-ריז, וועלכע ווילען בעזעצען זיך אין בירא-ביד-זשאן.

אלס קאנדידאטען זענען צוגעלאזען געווארען נאר ארבייטער פון בוי-פאך און טעכניקער, פאב-לייט, אין וועלכע עס פיהלט זיך א מאנגעל אין בירא-בידזשאן.

די איבערוואנדערער איז מיטגעטיילט געווארען, אז די בעדינגונגען אין בירא-בידזשאן זענען גאנץ שווערע. זיי וועלען דארט אריינטרעטען אין די קאָ-לעקטיווע ווירטשאפטען און ארבייטען אויף די זעל-בע בעדינגונגען ווי די דארטיגע אנדערע ארבייטער פון זייערע פאכען.

דער אפפאהר פון דער צווייטער גרופע איז א דורך פיל שטילער ווי פון דער ערשטער, די איבערוואנדערער זענען בעגלייט געווארען פון מעה-רערע פריינד און בעקאנטע.

דערשטאכען אין מיטען גאס

וואַרשאַ, 18. (טעלעפאניש) היינט ביינאכט האבען עטליכע פערשוין דערשטאכען אויף טויט אין מיטען גאס אויף טשעפלא 14, דעם 23 יעה-ריגען ארבייטער יאן רושינעק פון זשעלאנא 47.

דער ריזיגער רוסישער אעראפלאן פאהרט קיין בערלין

דער עראפלאן וועט נעמען 40 פאסאזשירען און 2000 קילא פאסט-סחורות

לאדזער נייעס

א גרויסע שרפה

אין דער פאבריק פון אהרן פרושינאווסקי

(א) נעכטען א פערטעל 11 איז אויסגעבראכען א שרפה אין דער פאבריק פון אהרן פרושינאווסקי (פעטריקאווער 220).

די רעטונגס-אקציע האבען געפיהרט 3 פייערלעשער-אפטיילונגען. דאס פייער איז ענטשטא-נען 10 מינוט נאך דעם, ווי די ארבייטער זענען ארויס פון דער פאבריק — אין דער שפינעריי אויפ׳ן 1 שטאק און איבערגעטראגען זיך אויפ׳ן 2-טען שטאק, וואו ס׳געפינט זיך דער גארן-לאגער.

נאך א שעה צייט איז דאס פייער לאקאלי-זירט געווארען. געליטען האט א טייל גארן, שפי-נעריי-מאשינען. עס זענען אויך געווארן פערגאסען די רייסעריי און קראצעריי אויפ׳ן פארטער.

לויט פראוויזארישע אויסרעכענונגען איז דא אויף 30 טויזענד זלאטעס א היזק. די פאבריק איז נישט געווען אסעקורירט. די סיבה פון דער שרפה איז נישט פעסגעשטעלט געווארען. מחמת דער שרפה פערלירען 20 ארבייטער זייער ברויט

סאלידאר-שטרייק ווערט צוגעגרייט

צוליבן סכסוך אין ק רושע און ענדערס פאבריק

(—) אין פאביאניץ האט היינט געזאלט פאר-קומען א מיטינג פון די ארבייטער וועגען דעם סכסוך אין קרושע-ענדערס פאבריק.

די פאליציי האט צוטריבען די דעמאנסטרי-רענדע און אדורכגעפיהרט ארעסטען צווישען די אגיטאטארען.

די פאביאניצער פראפעסיאנעלע פעראיינען בעראטען זיך איצט וועגען צוגרייטען א סאלידאר-שטרייק מיט די ארבייטער אין קרושע און ענדערס פאבריק.

ספארט

דער ווינער „וואקער" שפילט היינט אין לאדז

אינטערעסאנטער פוסבאל מעטש צווי-שען „וואקער" און רעפרעזענטאנץ „ל.ט.ס.ג."—טוריסטען

היינט 6 אווענד שפילט אין לאדז א פוסבאל-מעטש דער בעקאנטער ווינער „וואקער" מיט א קאמבינירטער מאנשאפט פון „ל.ט.ס.ג." און „טו-ריסטען".

דער ווינער פוסבאל-ספארט, שטעהט אויף דער העכסטער איידאפעאישער קלאס און „וואקער", וועל-כער שפילט היינט אין לאדז רעפרעזענטירט די העכסטע ווינער פוסבאל-קונסט. יעדער ארויסטריט פון א ווינער פראפעסיאנעלער פוסבאל-מאנשאפט אין פוילען איז א סענסאציע אין דער פוילישער ספארט-בעוועגונג, ווייל איך גייען צו דער מייסטער-שאפט און אין איהר קאמף פאר פונקטען ווערט דער פוסבאל דורך די „ליגע-קלובען אין פוילען גאנץ אפט דערפיהרט צו א ברוטאלען געגענזייטיגען קאמף אהן שום אינהאלט און אפשאצען דעם ווערט פון פוסבאל אלס א פאזיטיווען ספארט-צווייג, ווי ס׳זענען פאראן די מעגליכקייטען זיך צו בעקענען מיט אלע מעלות פון דעם ספארט-צווייג, בלייבט אלזא איבער אויף די פריינדשאפט-מעטשען מיט אויסלענדישע מאנשאפטען.

היינט וועט די לאדזער ספארט-וועלט טאקע האבען א געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט דער הויכער ווינער פוסבאל-קונסט, וועלכען ס׳רעפרעזענ-טירט די אויסגעצייכענטע מאנשאפט „וואקער". די ביז איצטיגע ארויסטריטען פון דער דאזיגער מאנ-שאפט זענען דורך דער פאכמענישער פרעסע, שטארק געהויבען געווארען, די מאנשעפט דעמאנ-סטרירט די פיינסטע טעכניק, וואס עס איז אין פוס-באל דערצילט געווארען. אלס געגנער פון „וואקער" טרעט ארויס א שטארקע קאמבינירטע מאנשאפט פון די צוויי שטארקע לאדזער קלובען „ל.ט.ס.ג." און „טוריסטען", וועלכע וועט אלעס טוען ענטגעגענ-צושטעלען די געסט זייערע קענטעניסען אין פוס-באל.

דער דאזיגער מעטש, וועט זיכער זיין חפר. אינטערעסאנטסטער אין היי-יאהריגען סעזאן.

לאדז.
19 יולי 1932

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז.
19 יולי 1932

דער גייסט
פון דיסעלדארפער מערדער

...פלעגט דער דיסעלדארפער מערדער דערצעהלען פאר'ן געריכט פון געשוואוירענע וועגן דעם, ווי ער פלעגט פייניגען און מאטערן קינדער— איז א גרויל דורך איבער דער גאנצער וועלט. געדענקען אלע זיין דערצעהלונג וועגן דעם, ווי ער האט צוויי יונגלעך אראפגעווארפען פון בריק. עס זענען זיך געשטאנען אזוי צוויי קינדער, זיך האלטענדיג איינער דעם אנדערן ביי די הענטלעך און געקוקט אין טייך אריין, האט קירטען, אזוי זיך, נישט לאנג טראכטענדיג זיי דערלאנגט א שטופ און ביידע זענען געפלויגען אין וואסער. דערביי האט קירטען דערצעהלט וועגן דער צופרידענהייט, וואס ער האט אין דעם מאמענט געפיהלט.

צו דעם מארד האט זיך קירטען נישט געגרייט – דאס איז געווען, „גלאט-אזוי", „צופעליג". „גלאט-אזוי" זענען אויך פארגעקומען די קינדער-מארדען פון די היטלעריסטישע שטורמער. מארדען קינדער – דאס איז נישט דער אייגענטליכער ציל פון דער היטלעריסטישער פארטיי – אין זייער פראגראם רעדט זיך וועגן דעם נישט – זייער ציל איז – מארדען יודען, ארבייטער און סאציאליסטען. דאס מארדען קינדער איז פארגעקומען – „פארבייגעהענדיג".

זענען ארבייטער-קינדער געגאנגען פון אן אויספלוג א היים. א גאנצע וואך זיצען זיי אין די פינסטערע, נאסע דירות – זענען זיי איין מאל אין וואך אוועק אין וואלד. עס איז אנגעגאנגען אנטקעגען אן אפטיילונג היטלעריסטישע שטורמער – זיי האבען זיך אומגעקוקט אויף אלע זייטען צי עס איז אין דער נאהנט נישטא ווער נישט איז. ווער ער זאל זיך זיי קענען אנטקעגנשטעלען און זעהענדיג, אז די קינדער זענען שוצלאז האבען זיי אנגעהויבען צו שיסען.

פרעגט מען: וואס איז דאס היטלעריזם? דארף מען נישט רעדען וועגן זייערע פרינציפען און פראגראם – „רעוויזיע פון די גרעניצען", „נאציאנאלע ווירטשאפט" א. ד. גל. – דאס איז נישט דאס כאראקטעריסטישע פאר זיי.

דער תוך פון היטלעריזם געפינען מיר אין דעם בילד, וועלכער איז סימבאליש בעלערנט: בעוואפענטע היטלעריסטען שיסען אין שוצלאזע קינדער – דאס איז דער היטלעריזם.

דער גייסט פון אדאלף היטלער. דער גייסט, וואס שוועבט איצט ווי א שווארצער וואלקען איבער דייטשלאנד – דאס איז דער גייסט פון דיסעלדארפער מערדער.

קירטען האט געהענדיג צו דער תליה נישט געוואוסט, אז ער לאזט איבער נאך זיך א יורש, וואס וועט איהם איבערשטייגען אין זיינע העלדענטאטען – דעם פעלדפעבעל אדאלף היטלער.

בלוט, בלוט, בלוט... דאס איז זייער טרוים, דאס איז זייער אידעאל. ווי אלע סאדיסטען, טראכטען זיי בייטאג און ביינאכט וועגן בלוט. דער סאדיסט, דאן, ווען ער קען קיין בלוט נישט פערגיסען. רעדט ער וועגן בלוט, זינגט לידער וועגען דעם, האלט רעדעס, שרייבט ארטיקלען.

אין איינעם פון וואסערמאנ'ס ראמאנען טרעט ארויס א סאדיסטישער העלד, וועלכער פלעגט מאכען פון האלץ מענשליכע פיגורען, געבען זיי נעמען, איינארדנען איבער זיי פראצעסען, פער'משפטן צום טויט און אראפהאקען זיי די הילצערנע קעפ. אין מאמענט ווען ער פלעגט דעם „טויט-אורטייל" איבער זיי אויספיהרען, פלעגט ער פיהלען אן אויסערגעוועהנליכען פערגעניגען. ער פלעגט ציטערן פון הנאה זיך פארשטעלענדיג, או ער האקט עס אראפ דעם קאפ פון א לעבעדיגען מענשען.

וואסערמאן רופט דעם העלד: „דער נערא פון אונזער צייט". די היטלעריסטישע פארטיי האט טויזענטער אזוינע נעראס אין איהרע רייהען. ווען עס זענען נישטא אונטער'ן האנט קיין שוצלאזע קינדער צו מארדען, ווען עס זענען נישטא קיין ארבייטער צו שיסען – רעדט מען לכל הפחות וועגען דעם. אזוי פלעגט האנדלען דער דיסעלדארפער מערדער, ווען ער פלעגט צוליב פאליציישע שוועריגקייטען נישט קענען מארדען, זיצען אין שטוב, זיך ערינערן וועגען די פערברעכענס וועלכע ער איז בעגאנגען און זיך קוויקען מיט'ן פארגעשמאק פון די, וואס ער וועט בעגיין – אזוי טוען אויך די היטלעריסטען.

מיט וואס פאר א בעגייסטערונג האבען עס די היטלעריסטישע סטודענטען אין בערלינער אוניווערזיטעט געזונגען זייער ליד: „ווען יודיש בלוט גיסט זיך". מיט וואס פאר א בעגייסטערונג רעדט עס געבעלס וועגען די תליות, וועלכע די זיגרייכע היטלעריסטען וועלען אויפשטעלען! מיט וואס פאר א בעגייסטערונג שיקען זיי עס פונאנדער די מעיאלענע בילדלעך מיט אויפגעהאנגענע יודען!

דאס איז זייער אידעאלאגיע. אזוי דערציהען זיי און אזוי האנדלען זיי – די טרייע נאכפאלגער פון דיסעלדארפער מערדער.

נ. ער.

„געוואנט אדער כרמל"
נייער ווילדער אנטיסעמיטישער אנפאל פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא"

ווי בעקאנט האט דער הויפט-ראט פון וועלט-פערבאנד „מכבי", וועלכער האט מיט עטליכע טעג צוריק, אפגעהאלטען זיין זיצונג אין וויען, צווישען אנדערן בעשלאסען איינצוארדנען אין ווינטער 1933, די יודישע ווינטער-אלימפיאדע אין „זאקאפאנע. די דאזיגע „חוצפה" אריינצוברענגען קיין פוילען צעהנדליגער און אפשר הונדערטער טויזענדער זלאטעס, האט דאס געגעבען די געלעגענהייט דער „גאזעטא ווארשאווסקא" צו א ווילדען אנטיסעמיטישען אנפאל, דאס ענדעקישע בלאט שרייבט:

צי האט „מכבי" פארן בעשלוס בעקומען אנ'איינלאדונג אדער אנ'ערלויבניש פון דעם בעל-הבית, צי זיי האבען אנ'ערקענט, אז זיי קענען דיספאנירען מיט פוילישען באדען. אזוי ווי ס'געפעלט זיי.

מיר קענען נישט גלויבען, אז די ארטיגע זאקאפיאנער פאקטארען זאלען מסכים זיין אויף אזא אימפרעזע „די יודען אין זאקאפאנע לעבען טאקע זעהר גוט מיט דער סאנאציע, דאך. נישט קוקענדיג אויף דער דאזיגער צוזאמענארבייט פון די איצטיגע מאכטהאבער מיט די יודען, קענען מיר נישט דערלאזען דעם געדאנק, אז זיי זאלען איינלאדען צו זיך די יודישע אלימפיאנער. דאס וואלט געווען א צו גרויסע ריזיקע. זאקאפאנע האט אמת כסדר וואס מעהר יודישע געסט, אבער לעבט קודם-כל פון די פאלאקען, א יוד, וואס ליגט אין זיין כשר'צן פענסיאנאט קויפט אויפן ארט גארנישט (אפט פערקויפט ער נאך בשתיקה סחורה וואס ער ברענגט מיט זיך).

מיר צווייפלען נישט, או אויב ביים בארג געוואנט' וועט איינגעארדענט ווערען די יודישע אלימפיאדע, וועלען די זאקאפיאנער „גאזדעס" זיך געפינען אין אזא לאגע, אז זיי וואלט לכל-הפחות פערלוירען אזויפיל פוילישע געסט, וויפיל ס'וואלט געקומען יודישע, מיט דעם אונטערשיד וואס די יודען וואלטען געווען דארט נאר א וואך אדער צוויי און זיי וואלטען פערלוירען די פאלאקען וואס בלייבען אין זאקאפאנע עטליכע וואכען אדער עטליכע חדשים.

אלזא צוליב זיינעם געשעפט לוינט זיך שוין נישט צו פארבעטען די אלימפישע „מכבעער". דער בעשלוס פון אויבער-ראט פון „מכבי" איז א בעוויז פון יודישע חוצפה, וואס גרעניצט מיט פראוואקאציע. מיר האלטען. אז ס'איז זעהר געוואונשען סיי פאר די יודען און סיי פאר די נישט-יודען, אז זיי זאלען האבען זייערע אייגענע ספארט-פעראיינען, אויב אבער די יודען פון פערשידענע מלוכות ווילען זיך איינארדנען אנ'אלימפיאדע, איז דאס ריכטיגסטע ארט דערויף פאלעסטינא, וואו ס'איז ערשט נישט-לאנג אזא אלימפיאדע פארגעקומען.

מ'וועט אבער זאגען, אז אין פאלעסטינא איז נישט פערהאן קיין אייז און שניי, איז אבער פאר די יודען נישט פערהאן קיין אנדער וועג, ווי זיך צו ווענדען צו די מלוכות. וועלכע האבען יא אייז און שניי מיט דער ביטע וועגען ערלויבניש. דאס דיספאנירען מיט פרעמדער טעריטאריע איז ארראגאנטיש, צו וואס ס'זענען פעהיג נאר די יודען.

און אויב די ארטיקע פאקטארען וועלען אונטערן איינפלוס פון פערשידענע ארגומענטען מספים זיין אויף דעם אנפאהר פון די יודען אויף די טאטרען-בערג-דראהט די „גאזעטא ווארשאווסקא"—האט נאך דא עפיס צו זאגען די גאנצע פוילישע געזעלשאפט, זאל אונז קיינער נישט רעדען וועגען שאוויניזם אדער זאאלאגישען נאציאנאליזם, מיר ווייסען גאנץ גוט און האבען דערויף טויזענדער בעווייזען, אז די יודען זענען ווי א היישעריק וואס בעפאלט, פערניכטעט און געהט ווייטער, אזוי האבען זיי געמאכט מיט אונזערע שטעט, אזוי מאכען זיי מיט דער ליטעראטור, אזוי ווילען זיי מאכען מיט אונזערע טאטרען-בערג.

דעריבער מוזען מיר שיצען די טאטרען און וועלען זיי שיצען, מיר וועלען נישט ערלויבען, אז געוואנט זאל ווערען א הר הכרמל!

אזוי קומט די שוים פארן מויל און דאס בלוט אין קאפ אריין, נישט נארמאל, פשוט משוגענע אנטיסעמיטען.

וואס האט אויפגעטון לאזאן?
די גרויסע מיסיע פון מאקדאנאלד'ן

דעפ. ד"ר י. טהאן שרייבט אין „נאוווי דזשענניק":

וועגען ראמוי מאקדאנאלד, דעם ענגלישען פרעמיער זענען די מיינונגען שטארק צוטיילט, ווען איינע זעהען אין מאקדאנאלד'ן א אידעאליסט פון ריינסטען וואסער, זעהען די אנדערע אין איהם א געוועהנליכען קאריעריסט און האלטען אז ער האט נישט קיין שום פראגראם, שטרעבט נישט צו קיין שום פאליטישע צילען נאר זיך צו דערהאלטען ביי דער מאכט.

צווישען די דאזיגע געגענזעצליכע מיינונגען איז פערהאן איינע א מיטעלע, וועלכע זעהט אויס צו זיין קרוב לאמת. מ'האלט איהם נעהמליך פאר א מיסטיקער, וועלכער גלויבט שטארק אין זיך, אין זיינע עטישע און גייסטיגע כוחות, אזוי או ער האלט, אז ער איז בעשאנקען פון גאט ארורכצופיהרען עפיס א ספעציעלע מיסיע אין דער פאליטיק, אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. אז ס'איז אזוי האט איצט אמבולטעטען בעוויזען לאזאן. מאקדאנאלד קען זיך איצט האלטען פאר איינעם פון די אויסנאהמס-מענשען, מיט וועלכע די געשיכטע בענוצט זיך אדורכצופיהרען גרויסע טאטען.

לאזאן האט א זעהר גרויסע בעדייטונג. נאטירליך וואלט געווען נאאיוו צו זוכען די וויכטיגקייט אין אפמאך וועגען שטרייכען די מלחמה-ענטשעדיגונגען. דאס איז געקומען שפעטער, ווי פערשטענדיגע מענשען האבען זיך דאס פארגעשטעלט, ווייל אייגענטליך האבען די דייטשען קיינמאל נישט געצאהלט און די סומען, וועלכע האבען זיך בוכהאלטעריש געפונען אויף דער קאנטא פון די ענטשעדיגונגען זענען געווען זעבארגם ערגיץ, וואו זיי וועלען קיינמאל נישט בעצאהלט ווערען. אזעלכע סומען ווי ווערסאל האט אויסגערעכענט, און ווי די אמעריקאנער פאנטאסטען דייוויס און יאנג האבען פערבעסערט, האבען די אייגענשאפטען וואס זיי בלייבען שטענדיג אויפן פאפיר און ווערען קיינמאל נישט בעצאהלט. די אסטראנאמישע ציפערן האט מען געווארפען אין דער וועלט אריין, כדי צו פערשיכור'ן די מענשליכע ארימקייט וואס לעכצט נאך מעכטיגע עמאציעס. קיינער האט אין זיי קיין ריאלען ווערט נישט געזעהען.

אלזא, דאס שטרייכען די ענטשעדיגונגען זענען נישט די וויכטיגסטע פאכירונג פון לאזאן.

די וויכטיגקייט פון לאזאן ליגט גראד אין דעם וואס איז געמאכט געווארן א שטארקן און דרייסטען שריט פאראויס צו פעראייניגען און קאנסאלידירען די פעלקער. איירארפא, וועלכע איז רעפרעזענטירט געווען דורך דעם שליח מאקדאנאלד, האט ערקלערט: מיר זענען פולשטענדיג דעצידירט איינגאנצען צו ליקווידירען די מלחמה און די גאנצע מלחמה און נאכמלחמהדיגע פסיכיק. דעריבער שטרייכען מיר די ענטשעדיגונגס-סומען. אויב ס'איז שוין נישט פערהאן קיין מלחמה קאנטריבוציעס, זאל שוין די מלחמה ארויספאלען פון מענשליכען זכרון און מענטשליכע נשמה. אזוי איז געגעבען געווארען א האנד די דייטשען און מ'האט געפרובט ארויסצוציהען זיי פון תהום פון פערצווייפלונג און דערנידערונג, אין וועלכען ס'ענטשטעהט דער היטלערישער געשטאנק. מאקדאנאלד האט פשוט אפגעריסען די צופוילטע צווייג, אויף וועלכער היטלער זיצט. האט געטון עפיס אזעלכעס וואס קען געזונד מאכען און נארמאליזירען די פסיכיק פון דייטשלאנד.

אין דעם ליגט די וויכטיגקייט און גרויסקייט פון לאזאנער אויפטו פון מאקדאנאלד מיסיע.

ווי אזוי וועט אבער דייטשלאנד דערויף רעאגירען? צי וועט היטלער אויך אוועקגעווארפען ווערען, ווי אלע אנדערע נאכמלחמהדיגע מיאוסקייטען? דאס איז א גרויסע פראגע, וועלכע די וועלט שטעלט זיך. מ'דארף געדענקען, אז א געזונדע איירארפא מיט היטלערן און היטלעריזם קען נישט זיין. נאך לאזאן האבען שוין די דייטשען קיין בערעכטיגונג פאר זייער היטלעריזם. ער קען נאר זיין א ערשיינונג פון א טיפער אינערליכער קרענק, וועלכער קען פון אינעווייניג אויפרייסען דעם ארגאניזם, מיט די אויסערליכע בעדינגונגען האט דאס שוין נישט קיין שום שייכות.

דאס האט געטון מאקדאנאלד, דאס איז זיין גרויסע מיסיע.

יודיש, העברעאיש, „ייווא" און די ווילנער „סלאווא"

ווייזט אויס, אז דער אוגערקעס-סעזאן איז שוין אין פוילען ברען, אויב א „סלאווא" קען זיך פערגינען אפצוגעבען די גאנצע ערשטע זייט פאר אנ'ארטיקעל א"נ „די ווילנער יודען". וואראום געוועהנליך קענען מיר זיך נישט בעדיהמען, אז די פוילישע פרעסע זאל אפגעבען א סך פלאץ פאר אינפארמאציע וועגען יודישע זאכען. דער ארטיקעל איז געשריבען דורכ'ן רעדאקטאר פון דער צייטונג, מאצקעוויטש און עס זענען דארטען פאראן עטליכע טשעקאווע שטעלען, בעזונדערס אין דעם טייל וואו מאצקעוויטש פרובט אינפארמירען זיין לעזער וועגען אונזער שפראכען-קאמף.

אין דער יודישער געזעלשאפט — שרייבט מאצקעוויטש — איז א וויכוח, צי זאל מען רעדען, שרייבען און ווירקען אין העברעאיש אדער יודיש. באר איידער ער נעמט זיך ארומרעדען דעם ענין, דערצעהלט מאצקעוויטש וועגען די שאבאסובקעס און די יודיש-פוילישע גימנאזיעס. שולען מיט פוילישע אונטעררייכטס-שפראך פאר יודען — האלט ער — איז א וויכטיגע זאך. נאר בעגייסטערט פאר די דאזיגע שולען איז ער נישט. פארוואס? ווייל ער איז „א פעברענטער געגנער פון יודישער אסימילאציע. דאס איז א פערשפילטער ענין... אסימילאציע איז נישט רעאל, מען דארף פון יודען קיין אסימילאציע נישט פאדערען".

ענדליך קומט מאצקעוויטש צו צום ענין יודיש-העבראיש, ברענגט די פאר מאגערע העברעאיסטישע ארגומענטען און ענטפערט אויף זיי אזוי:

עס איז זייער לייכט ארויסצוהעלפען די יודישיסטען אין זייער קאנטער-ארגומענטאציע. מען דארף בלויז זיך נעמען אלס דעוויז: פאליטישער רעאליזם און ווירקליכקייט. עס איז א פאקט, אז ארום 15 מיליאן (!) יודען רעדט זשארגאן און שפאניאלע מיט זייער „לאדינא" איז פארהאן קוים 250 טויזענט. פאר א דורכשניטליכען יודען אין אמעריקא אדער פוילען איז העברעאיש א שפראך, וואס ער קען נישט און ווייס נישט, מיט'ן אויסנאהם פון א פאר ווערטער, א שפראך וועלכע ער דארף זיך ערשט אויסלערנען. פונקט ווי מיר וואלטען די פאליאקען געהייסען רעדען לאטייניש. א יוד וועט שטענדיג דענקען אין זשארגאן און אלס אויסדרוק פון קראפט און כוח פון זשארגאן און דער שוואכקייט און טעארעטישקייט פון העברעאיזם איז דער פאקט, וואס די גאנצע פרעסע אפילו פון די סאמע העבראיסטישע גרופירונגען דרוקט זיך אין זשארגאן, וואס העברעאישע אויסגאבעס ריהרען זיך צו בלויז צו וויסענשאפטליכע טעמעס און וואגען נישט אפילו זיך צו בעווייזען דארטען, וואו עס קאכט דער קאמף, וואו עס קאכט דאס לעבען, ד. ה. אפילו כאטשבי אויפ'ן געביט פון אגיטאציע און פאליטישער פראפאגאנדע. דארטען זענען די פערביסענסטע העבראיסטען געצוואונגען צו ברויכען זשארגאן. ווייל זשארגאן דאס איז רעאליזם. דאס איז א פאקט, דאס איז דעם יודענס געבוירענע שפראך, זיין סאמע געבוירענע-שפראך, וואס מען קען ביי איהם צונעמען נאר מיט אזא מאנסטרעזן אנשטרענגונג, מיט וועלכע ביי א לעבעדיגען פאלק ווערט אפגענומען זיין לעבעדיגע שפראך. ענדליך, כאטשבי דאס ווילנער שול-וועזען: די העברעאישע שולען ווערען געפיהרט דורך פארטייען וואס האבען ביי די סיים-וואהלען בעקומען 18.000 שטימען די זשארגאן-שולען — דורך פארטייען וואס האבען 2000 שטימען. און דאך איז די צאהל קינדער אין ערשטען און צווייטען טיפ כמעט גלייך. דערפון איז צו דרינגען, אז דער ווילנער יוד שטימט אנדערש און זיינע קינדער אין שול שיקט ער ווידער אנדערש. מיט אנדערע ווערטער, מיר בעקומען נאך איין ארגומענט, אז זשארגאן דאס איז א רעאלע זאך און העברעאיש דאס איז אנ'אבסטראקציע".

דאכט זיך גאר גלייטיג (אחוץ דעם טרויעריג-פערעקשנ'טען נוצען כסדר: זשארגאן). אבער פערענדיגען אזוי מיט דער שפראכען-פראגע האט מאצקעוויטש'ן ווייזט אויס דאס הארץ נישט געלאזט — האט ער אנגעדייט א חקירה וועגען יודישער רעליגיע, יודישען אידעאל און צוגעקלעפט מיט ניכטערער שפייעכץ, אז יודישיזם איז ציוניזם און אז „אפזאגען זיך פון העברעאיש הייסט רעזיגנירען פון אידעאל, פון דער אלגעמיין יודישער בענקשאפט".

מאצקעוויטש גיט נאך צום סוף א שטיקעל אינפארמאציע איבער'ן איבערזיכט איבער די יודישע פארטייען אין ווילנע, דערמאהנט מיט אנערקענונג ד"ר וויגאדסקי'ן און ד"ר שאבאד'ן און דערמאנט אויך דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

אז ער האט בעזוכט דעם אינסטיטוט — שרייבט מאצקעוויטש — איז מיר געקומען אין קאפ א פערגלייך מיט אונזער אינסטיטוט צו פארשען מזרח-איירארפע. ביידע אינסטיטוטען — דוכט זיך איהם — נוצען אין א גרויסער מאס די מעטאדען פון רעקלאמע און בלאף, פאר וואס האט זיך דאס מאצקעוויטש'ן אזוי אויסגעדוכט? ווייל „עס איז א ספק, צי אזוינע גרויסע צילען, וואס דער ייווא שטעלט זיך אין זיין פראגראם, קענען רעאליזירט ווערען אין די עטליכע צימערלעך, פערלייגט מיט עטליכע הונדערט ביכער און איבער א צעהנדליג טויזענט צייטונגען".

נו, דער צימער'ן-ארגומענט איז נישט פון די גאר געהויבענע און זאל מאצקעוויטש אויף אונז נישט פעריבעל האבען, אויב מיר וועלען דא בעמערקען, אז ער האט שוין אין זיין לעבען געזאגט קלוגערע זאכען. אגב, האט אונזער „זשארגאן" אויף דעם זייער א טרעפלעך ווערטעל:

— א... ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבייט

געזונדע מאכלים זענען אויך אמאל אומגעזונד

מעדיצינישע שמועסען

פון ד"ר ס. קלארמאן

א סך מענשען רעדען זיך איין, אז צוזאַ־מענמישען פערשידענע שפייזען איז שעדליך, זאגאר גיפטיג.

דערפאר זענען פערהאן דווקא גאנץ געזונטע שפייז, וואס ווערען בענוצט אין דעם טעגליכען לע־בען פון אלע מענשען, וואס קאנען דאך זיין אומ־געזונט פאר געוויסע מענשען. זעהר ווייניג מענשען ווייסען דערפון, אפילו די מעדיצין האט ביז נישט לאנג זעהר ווייניג אויפמערקזאמקייט געשאנקען דער־רויף כאטש דער ענין איז דווקא פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט.

עס איז מיט א פערהעלטנישמעסיג קורצער צייט צוריק אויסגעפונען געווארען אז עס זענען פערהאן מענשען וועמענס בלוט פערמאגט בעזונדערע אייגענ־שאפטען וואס בעווירקען געוויסע זאכען, וואס קומען אריין אין קערפער, ווי געוויסע שפייז, אנדערש ווי ביי אנדערע מענשען, דאס בלוט פון אזעלכע מענ־שען איז, הייסט עס, א בלוטיגער „שונא" פון גע־וויסע אלטעגליכע מאכלים. ווי „שונאים" פיהרען זיי צווישען זיך א שטענדיגע מלחמה. דערפון וואס דאס בלוט טהאלט מלחמה מיט די געוויסע שפייז־עלעמענ־טען, ווערט דער מענש פערגיפטעט, אויב נישט אינ גאנצען איז אויף אזוי פיל, אז ער זאל קיין חיי־שעה נישט האבען און ווערט א תשוב ביי דאקטוירים.

די זונדערבארע אייגענשאפטען פון אזא מל־חמה אדער פערגיפטונג קאנען זיך ארויסווייזען אויף פערשידענע אופנים, ווען די הויפט־סצענע שפילט זיך אפ אין בויך־געגענט, קאנען פארקומען בויך־שמערצען, קרעמפען, אנגעבלאזענקייט אין די געדערים.

א געוויסער דאקטאר וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם שטודיום פון שפייז־פערגיפטונג האט אנגע־ציגט אז פון 175 קרבנות פון שפייז־פערגיפטונגען זענען פופציג געווען בויך־ליידענדע.

די וואס ליידען פון אזא סארט מאגען־קראנק־הייטען, קלאגען זיך אפט אויף הויט־בייסונג, אויף א מין ברענען אין מויל, האלז און די ליפען, ביי קינדער קאן אזא צושטאנד אויסגעדריקט ווערען אין אפעטיטלאזיגקייט און ווידערווילען צו געוויסע מאכלים, וואס דאס קאן גראד דינען ווי א פערהיי־טונג געגען אנ'אנפאל פון דעם מין, נישט זעלטען קומען אויך דערביי פאר געוויסע גייסטיגע סמנים, ווי געדאנקען־פערווירונג, א מין מישען אין קאפ און דאס נישט קאנען זיך קאנצענטרירען אויף איין זאך.

ערשט נאך גרינדליכע אונטערזוכונגען ליט איקס שטראהלען און אלערליי כעמישע פראבען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אלע קראנקע האבען נישט גע־ליטען פון געוועהנליכע ארגאנישע צרות. מען איז דערגאנגען אז שפייז, וואס איז געווען געגען זייער אייגענטימליכער נאטור, איז שולדיג אין זייערע צרות.

עס איז פערהאן אזא שלאפקייט, וואס דירעקט זיך אויס אין פלוצימדיגע געשווירען אויף פער־שידענע טיילען פונ'ם קערפער, אמאל אויפ'ן פנים, מייסטענס אויף די אויבערשטע דעקלעך פון די אוי־גען, אנ'אנדערש מאל אויף די הענד אדער פיס; א מאל ווידער אויף דעם קליינעם צינגעל פון האלז, וואו דאס קאן טאקע זיין זעהר געפעהרליך. דאס איז אפילו א צרה אויף א ווילע, עס געהט גיך איבער. אבער עס קאן אויך ווערען כראניש. דערביי קומען אויך פאר געוויסע בויך־שטערונגען, אלס א פאר־שפיל דערצו קאן זיך בעווייזען א הויט־אויסשלאג, א בייסעניש, דערמיט איז אויך פערהאן איבעלקייט, ברעכען, בויך־שמערצען און שטארקע קרעמפען אין אונטערשטען טייל פון בויך.

די גאנץ פאפולערע הויט־קראנקהייט וואס הייסט עקזעמא, איז אין א סך פאלען דער פועל יוצא פון אט דער שפייז־משלחת, א געוויסע צאהל פאלען פון דער אויבענדערמאנטער סעריע, וואס זענען אונ־טערזוכט געווארען האבען דאס קלאר בעוויזען.

נאך א זעהר וויכטיגע פאפולערע קראנקהייט, קאפ־שמערצען, וואס מען רופט „מיגרען" האט אין די מייסטע פאלען זא שייכות מיט דער בעזונדערער ווירקונג פון שפייז, דאס האבען בעוויזען כמעט אלע אונטערזוכטע פאלען.

נאך א טייערע מציאה, וואס טאקע נאר די וואס ליידען פון איהר, ווייסען נעבעך דעם ביטער'ען טעם, — אסטמא איז אויך אין א סך פאלען א צושמעלין פון דעם ביטערען שפייז־טראפען ביי קינדער אזוי דערוואקסענע מענשען. ביי קינדער א פערלענגערטער הוסט — אהן אסטמא, פאר וועלכען אלע רפואות זענען אהן ערפאלג, — דארף מען אויך זוכען אין דעם שפייז־צעטעל.

א געוויסע פארם פון עפילעפסיע (פאליגע קראנקהייט) און קאנוואולסיע אנפאלען דארף אויך צוגעשריבען ווערען אויף דעם חשבון פון העם זעל־בען מחבל, שפייז־פערגיפטונג.

אפטע נאז־קאטארען זענען נישט־זעלטען פער־בונדען מיט מאגען־שטערונגען. עס איז מעגליך, אז זיי זענען אויך מיטגלידער פון איין משפחה, יהי'ע עס איז אין אייניגע פאלען בעוויזען געווארען. בלוט־ארימקייט און א שלעכטע ערנעהרונג מוזען אויך האבען א שטיקעל מחותנעשאפט מיט דער פערשאלטענער שפייז־פראגע, פיבער ביי קינדער, אהן אנ'אויגענשיינליכער אורזאך מוז אוודאי זיין אנ אפקלאנג פון דער שפייז־פראגע.

אזוי דאומרעגעלמעסיגע מענסטרואציע, אוי־סערגעוועהנליך נידריגער בלוט־דרוק, אלגעמיינע אפ־געשוואכטקייט, ווערען אויך צייטענווייז אריינגערע־כענט איז כלל פון שפייז־פערגיפטונגען פון זעלבען מין.

דער קיצור פון דער גאנצער געשיכטע איז דער: איידער מ'בעשליסט אז א קראנקהייט קומט פון א געוויסען אבר, זאל מען פריהער טראכטען פון שפייז־פערגיפטונג וועט מען אפט פערשפארען אנ צוקומען צום מעסער

די פרוי, וואס מיינט ערנסט מיט איהר ליבע

די פרומע לוקרעציא פון דער געשיכטע. — דאס יונגע ווייבעל פון א פראנצויזיש שטעטעל

שעקספיר האט א פאעמע „די פערגוואלטיגונג פון לוקרעציא", וואס איז געבויט אויף א פאקט, פון דער רוימישער געשיכטע און וואס דערצעהלט זיך אזוי:

די פרומע לוקרעציא איז פערגוואלטיגט גע־ווארען פון א קעניגליכען טויגעניכטס, האט זי אריינגערופען איהר מאן, דערצעהלט איהם וואס עס איז געשעהען, און דאן פאר זיינע אויגען זיך אריינ־געשטאכען א שווערד אין הארצען ווייל זי האט נישט געוואלט אריבערלעבען די שאנד, און ליגענ־דיג ביים שטארבען, האט זי נאר געבעטען איהר מאן, אז ער זאל נקמה נעהמען פאר איהר געשענ־דעטער עהרע.

ווי געזאגט, האט שעקספיר גענומען זיין טעמע פון א פאקט פון דער געשיכטע; אבער צי וואלט לוקרעציאס מאן געהאלטען אזוי שטארק פון זיין עהרע ווען איהם וואלט פערפיהרט א פרעמדע פרוי? וואלט ער געקענט אזוי קעמפען געגען די נסיונות די פערפיהרונגען פון דעם צווייטען געשלעכט?

און נישט נאר לוקרעציאס מאן, דער רוימישער אריסטאקראט, נאר קיין אנדערער מאן ביז אויף היינטיגען טאג האט זיך נאך נישט אומגעבראכט פאר דער טרייקייט און ליבע צו זיין פרוי.

איין־איינציגער ביישפיל פון אזא מאן איז דער־מאנט אין דער ביבעל, דאס איז די לעגענדע פון יוסף הצדיק, נאך אזא לעגענדע איז פערהאן ביי יוקבן פון דעם בעקאנטען גר־צדק, אויף וועמעס האלז לויט ווי עס הייסט, האט זיך אויפגעהאנגען צום טויט א פוילישע גרעפין, א גרויסע שעהנהייט, ווייל ער האט נישט געוואלט איהר ליבען.

אבער צו וואס זאל מען לייקענען, ? דאס זענען דא דנאר לעגענדעס, אין אמת'ן לעבען האט מען נאך קיינמאל נישט געהערט, אז א מאן זאל זיך אפפערען פאר זיין פרוי פאר דעמזעלבען מאטיוו, פאר וועלכען לוקרעציא האט זיך געאפפערט פאר איהר מאן.

פרויען זענען גאנץ אנדערש ווען זיי ליבען, דאן ליגט זייער גאנצע נשמה און לעבען אין אט דער ליבע נאך מעהר, זיי זענען פערטיג צו אפפערען אפילו זייער נשמה צוזאמען מיט'ן לעבען ווען די ליבע פאדערט עס.

און, דאס לעבען, די ווירקליכקייט בעווייזט עס.

אט האט איהר א מערקווירדיגע געשיכטע וואס די צייטונגען ברענגען פון מארסעלין, אין פראנק־רייך.

דארטען האט געלעבט א יונג פאר־פאלק זעהר גליקליך און צופרידען, דער מאן איז געווען אנגעשטעלט אלס אויפזעהער אין א שוך־פאבריק, וואו ער האט פערדינט שעהנע שכירות, און זיין גאנ־צער געדאנק איז געווען נאר צו פערשאפען זיין פרוי פערגעניגען.

ער האט צום ביישפיל, געוואלט אויסבויען פאר זיין פרוי א שעהנע היים מיט מאדערנע איינ־ריכטונגען, ארומריגלען איהר מיט דינערשאפט, ווי אנ'אריסטאקראטקע און נאך אזעלכע שעהנע זאכען, פון וועלכע עס חלומ'ט געוועהנליך יעדער גליקליכער באלאבעסעל באלד נאך דער חתונה.

האט דאס די יונגע ווייבעל געוואלט? יא, ווער וויל דען נישט שעהן לעבען און געניסען די פער־גניגענס פון דער וועלט?

נאר אין זיין לוסט רייך צו ווערען און צו זיין געהויבען אין די אויגען פון זיין ווייבעל האט דער באלעבעסיל פון מארסעלין געמאכט א שווינדעל לויט ווי עס הייסט האט ער אפגעמאכט מיט א שוך־הענדלער, אז ער דער פאבריק־אויפזעהער, וועט איהם צושטעלען גע'גנב'עטע סחורה פון דער פא־בריק און וועט דערפאר בעקומען א העלפט פון דעם רעגעלען פרייז, אויף דעם אופן הייסט עס, וועלען זיי ביידע רייך ווערען, אי דער גנבישער אויפזעהער אי דער קויפער פון די געגנבעטע שיך.

אזוי זענען די גנבות אנגעגאנגען א יאהר צייט און דער פאבריקאנט איז טאקע בערויבט געווארען אויף היבשע עטליכע טויזענד פראנק.

נאר אזוי ווי „סוף גנב לתליה", און עס איז נאר אן פראגע פון צייט, אמאל פריהער און אמאל שפעטער, זענען די גנבות אין דער שוך־פאבריק פון מארסעלין גאנץ אומדערווארט ענטדעקט געווארען;

(ווייטער זעה 9־טע זייט

יצחק יאנאסאוויטש

די חורבה אין טאל...

(דערצעהלונג)

ערשט דער דריטער טאג און איך פיל זיך שוין אין זייער געזעלשאפט ווי אנ'אייגענער. נישטא צווישען אונז די פיינטליכע וואנט, וואס טיילט אפ דעם פויער פון דעם שטאט־מענש, נישטא דער מינדעסטער חוזק, וואס טרעפט אזוי אפט ביי פויערים, לגבי דער לופטיגקייט, דער אומבעהאל־פענקייט פון די שטאט־לייט, נישטא אבער אויך יענע קנאה, וועלכע רופט ארויס אט דעם דאזיגען חוזק. מיר גייען זיך גוט צוזאמען, ווייל איינער וויל דעם צווייטען נישט איבערשטייגען, און אי־בערוואקסען.

אזוי ארום האב איך די מעגליכקייט גוט צו אבסערווירען און לערנען זייער ארט לעבען. פיל זאכען, וועלכע זענען אין אנהויב נישט פערשטענד־ליך ווערען שפעטער קלאהר. אזוי, למשל, זייער קארגשאפט, וואס איז אנהויב זייער אפשטויסענד, איבערהויפט דאס קארגען די ארטיקלען, וועלכע מען פראדוצירט נישט אין דארף, נאר ווערען גע־קויפט אין שטאט, אט דאס ווערט שפעטער פער־שטענדליך, עס ווייזט זיך ארויס, אז אט די קארג־שאפט איז א פועל יוצא פון א מין בעזונדערער וועלט־אנשויאונג, וועלכע איז אונז שטאטישע אינ־גאנצען פרעמד.

אין די שעה'ן ווען אלע זענען פערנומען, שפאציר איך אויף דעם בורשטין־געלען סטעזשקעלע וואס לויפט זיגזאגיש צווישען די יונגע קארן־פעלדער און פערלירט זיך רעכטס אינ'ם נאדעל־וועלדעל, וואס געהערט צו מיין באלעבאס, אדער איך שיף זיך אויף דעם נישט גרויסען טייך, וואס געפינט זיך אינגאנצען א האלבען קילאמעטער גאנג פון דעם דערפעל. איך האב ליב זיך אויסליי־גען אויף דער לאדקע מיט'ן פנים ארויף און קו־קען אין דעם טיף בלויען הימעל, ווי ס'שווימען קליינע ווייסע וואלקענדלעך. אפטמאל דוכט זיך מיר אויס, אז איך זעה אין די קליינע ווייסע וואלקענדלעך, פערשידענע געשטאלטען, אט, למשל, א גרויסען בער, א משונה'דיגען בער, וואס איז אביסעל עהנליך צו א היימישען באק, ווייל ער האט הערנער און א בערדעל. אנ'אנדער מאל זעה איך א פנים פון א מענשען, א שמייכעל'דיג פנים, אדער א פאטריארכאליש פנים מיט א גרויסער צופלאשעטער בארד און גרויסע פאסעס האר, וואס בעוועגען זיך פון עפעס א ווינטעל, אדער גאר א פרויען־קערפער, א שלאנקען ווייצענדיגען קערפער, וואס ליגט אויף די ווייסע וואלקענס. ווי אויף א ווייס קלאהר חופה־בעט. איך האב ליב צו ליגען אזוי אויף דער לאדקע, צו גאפען סתם אזוי אין הימעל אריין און זיך צו וויגען איבער דעם רוהי־גען אויבערפלאך פון וואסער, צו אטעמען די קיהלע קלאהרע דארפישע לופט און אפילו צו דרימלען מיט'ן פנים צו דעם לויטערען הימעל.

אפטמאל זיץ איך אין מיין שטוב — אין מיין שטוב, וואס איך האב די ערשטע טעג גע־לופטערט, בכדי נישט צו פיהלען דעם ספעציפישען זויערליכען ריח פון א פויערישער שטוב — א ריח פון פריש־געבאקען ברויט און אנגעשטעלטער קליינען־בארשט, וואס איז מיר אבער שפעטער גע־ווארען אנגענעהם און היימיש. איך זיץ אין דעם שטרויענעם געפלאכטענעם פאטעל און קוק אויף די ביכער. וואס איך האב מיטגעבראכט פון שטאט און וואס ליגען איצט אויף מיין טישעל און האב נישט דעם מינדעסטען חשק אריינצוקוקען אין זיי, איך וויל בעסער פלוידערן מיט מארישען, אויס־הערען איהרע פרעהליכע מעשיות, וועגען איהרע גענז און איהרע חבר'טעס, וועגען כל'ערליי קליי־ניגקייטען, וואס איהר פאלט איין פלוידערנדיג.

און מערקווירדיג. איך הער אפטמאל, אז אין דארף איז א שטאטישען מענש לאנגוויליג. אפשר? מיר, למשל, איז בשום אופן נישט לאנג־וויליג, כאטש איך האב זעהר א סך פרייע צייט. איך האב זיך געטובלט אין דער דארפישער שטיל־קייט, האב זיך איינגעוועהנט צו דעם ארום און ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען איך וועל זאגען, אז איך האב דא אין דער דארפישער שטילקייט, דערהערט דעם אטעם פון דער וועלט, וואס וואקסט און לעבט. מיר איז נישט נמאס גאנצע שעה'ן צו־קוקען דורכ'ן פענסטער, צו זעהען די יונגע קארן־פעלדער, וואס בעוועגען זיך לייכט, געצערטעלטע דורכ'ן ווינד. איך פיהל ווי זיי וואקסען פון מינוט צו מינוט, ווערען רייפער און שווערער. אין דער שטילקייט פערנעם איך א גערויש פון טויזענטער קולות, א סימפאניע פון פערשידענע קלאנגען, וואס הענגען אין דער לופט. דאס געוועהנליכע זשומען פון א ביהן, דאס צוויטשערן פון א פויגעל אין קארן איז מיר אנגענעהם ווי די שענסטע מו־זיק. יא, עפעס א וואונדערליכע מוזיק... מען מוז נאר פריהער זיך איינהארכען אין דער שטילקייט, איבערנעמען זיך מיט אט דער געבענטשטער רו־היגקייט, כדי די דאזיגע מוזיק צו דערהערען. דע־מאלט איז נישט לאנגווייליג, דעמאלט פיהלט זיך דער מענש ווי א שטיק פון דעם גאנצען ארום איינס מיט דער בליהענדיגער וואקסענדיגער וועלט, ווי א בוים. ווי דאס פעלד, ווי דער טונקעלער וואלד, וועמע' ס'איז קיינמאל נישט לאנגוויליג.

איך האב אט א דאס געפיהלט די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דארף, אבער א מענש דערצו א שטאטישער איז אויסגעשטעלט אויף פער־שידענע איבערראשונגען, וואס זאלען איהם ארויס־פיהרען פון גלייכגעוויכט. איך האב אזוי לאנג גע־לעבט רוהיג ביז...

דער שאטען פון יענעם אומגליק, וואס האט געטראפען מיט צעהן יאהר צוריק איז מיר נאכ־געגאנגען דער סוד פון יענעם אומגליק האט זעהם אויס געוואלט ניתגלה ווערען...

— 3. —

שפאצירענדיג אזוי איינמאל אויף דעם בור־שטין־געלען סטעזשקעל — צווישען קארן בין איך צופעליג פארקראכען אויף אנ'אנדער זייטיג וועגעל, פון דארט בין איך ארויסגעקומען אויף א ברייטערן וועג, מיט אלטע טאפאלעס ביי ביידע זייטען פון וועג. מיך האט דער דאזיגער ברייטער וועג פער־אינטערעסירט. ער איז געלאפען אראפ צום וועל־דעל פון דארט האט ער זיך פארקערעוועט לינקס ארויף צו צום בערגעל, און פון דארט האט ער זיך א־ריינגעפאלען אין א טאל.

איך בין געגאנגען מיט דעם וועג, ארויף אויף דעם בערגעל און פון דארט אראפ מיט'ן וועג אין טאל. אבער שוין אויף דעם בערגעל, בעת מיר צופיסענס האט זיך געשפרייט דער טאל. האט מיך עפעס פערכאפט און פערוואונדערט. איך האב נאך אויף קלאר נישט געוואוסט, וואס אזעלכעס, דארט אין טאל איז, אבער עפעס האט מיר דא אויסגע־זעהן אלץ משונה'דיג.

דער טאל. א ווילדער. נישט בעארבייטער. איז פערוואקסען געווען מיט ווילד גראז און קרא־פיווע. אבער ערטערווייז איז די ערד געווען שווארץ ווי נאך א שרפה. און ווירקליך איז אויף דעם דאזיגען ארט פארגעקומען א שרפה. דאס האבען עדות געזאגט די הויפענס אנגעברענטע און צעבראכענע ציגעל די שווארץ־פערקוילטע בעל־קעס, וואס האבען זיך ארומגעוואלגערט אין טאל. צעבראכענע צעמענט־טרעפען און צעמענט־זאלען, וואס זענען שוין אבגעטיילט און אפגעריסען געווען פון ווינט און רעגען זענען ארום געלעגען ארום א הויכען האלב־צעבראכענעם, שווארץ־פערקוילטען קוימען. דער שטענדיגער עדות פון א שרפה. אין טאל זענען אויך ארום געלעגען איבערבלייבענישען פון מעבעל־שטיקער, אזוי, למשל, האט זיך געזעהן רעשטלעך פון א ביכער־שענקעל, צוויי פיס מסתמא פון א קליין טישעל. א ברעט, וואס האט אהן שום ספק געהערט צו א בעט און דאן נאך אנדערע פערשידענע קלייניגקייטען.

— אהן שום ספק — האב איך געטראכט — אז דאס הויז האט נישט געהערט צו קיין פויער, און דאס האט מיך זעהר געוואונדערט, ווער האט דא געקענט וואוינען? ווי זענען אהינגעקומען די באלעבאטים? און פארוואס געפינען זיך דא עפיס אט די פערשידענע מעבעל־שטיקער אזוי הפקר. אמת, זיי זענען נישט פון קיין גרויסען ווערט, אבער קאנענ־דיג די פויערן פון דער געגענט איז מיר זעהר אויפפאלענד געווען פארוואס זיי האבען אט די שטיקער נישט צוגענומען, דא האבען זיך דאך געפונען עטליכע זאכען, וואס וואלטען געקאנט פערריכט און בענוצט ווערען. פארוואס זשע האבען עס די פויערים געלאזט אזוי אויף הפקר, כאטש ס'איז קלאר, אז די שרפה איז פארגעקומען שוין א לאנגע צייט צוריק?

מיט די געדאנקען בין איך פערבליבען אין טאל ביז אווענד. איך האב אלץ בעטראכט. געני־שטערט, געזוכט און בין געווארען וואס מעהר פעראינטערעסירטער. איבערהויפט ווען איך האב צווישען די קופעס ציגעל און פערברענט האלץ געפונען א געגענשטאנד, וואס האט אומבעדינגט געהערט צו די מכשירים מיט וועלכע עס בענוצען זיך מעדיצינער. הייסט עס אז אט די אפגעברענטע חורבה האט געהערט אמאל צו א דאקטאר־מעדי־צין... וואונדערליך טשעקאווע... איך האב בעשלא־סען באלד צוגיין אין דארף אריין זיך נאכפרעגען וועגען דעם.

(שך מארגען)

האַנדווערקעריי און האַנדעל

אויף דער וואָר

די אונבעגרינדעטע מורא פאַר'ן גוטען גערעטעניש

פון אַלע קאַנטען לאַנד קומען אָן בעריכטען, אַז דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער ענטוויקעלט זיך אויסגעצייכענט גוט. דאָס קאָרן און ווייץ וואַקסען שעהן און קרעפטיג, די זאַנגען זענען פול און די קערנער זענען גוט ענטוויקעלט. דאָס גערעטעניש ווערט אין אַלגעמיין געשאַצט און בעדייטענד בעסער און גראָטענער ווי פאַראַיאָהרען.

אויב די וועטערען וועלען אויך ביי די פעלד־אַרבייטען גוט צודינען, דאַן וועט מען אין די שייערן אַריינפיהרען מיט אַ היבש ביסעל מעהר תבואה פון פאַראַיאָהרען. בעזונדערס וועט זיין מעהר קאָרן.

עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, צי איז דאָס גוטע גערעטעניש אַ טובה פאַר דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטליכער סיטואַציע אין לאַנד, אָדער דאָס וועט גאָר פערערגערען, און צי וועט דאָס גוטע גערעטעניש אויפלעבען דעם תבואה־האַנדעל, אָדער דאָס וועט נאָכמעהר צודריקען.

אין די קרייזען פון האַנדעל און פאַבריקאַציע הערשט אַרויס אַ גרויסע בעאונרוהיגונג דאָס גוטע גערעטעניש אויף תבואה אין פוילען. אַלע ווייסען אַז דער גרויסער זיל אויף תבואה האָט מיט 2 יאָהר צוריק דערפיהרט צו אַ קראַך אין אַלע האַנדעלס־צווייגען (או"ז דערפון האָט זיך אַנגעהויבען דער קאַטאַסטראָפאַלער קראַך אויף די פרייזען פון אַלע סחורות.

די לאַגע איז איצט אָבער אינגאַנצען אַנדערש, און מען קען זי גאָרנישט פערגלייכען צום צושטאַנד פון פאַר צוויי יאָהר. עס איז דאַגעגען פערשטענדליך, זיכער, אַז דאָס אויסגעצייכענטע גערעטעניש אויף תבואה, וואָס וועט טאַקי דערפיהרען צו ביליגע פרייזען, וועט האָבען אַ גוטע ווירקונג אויפ'ן האַנדעל און פאַבריקאַציע פון אַלע צווייגען.

מיט צוויי — 3 יאָהר צוריק איז די תבואה־ביליגקייט טאַקי געווען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אַלע האַנדעלס־בראַנזשעס, ווייל דער פלוצימדיגער קראַך און ביליגקייט פון תבואה, האָט פערשאַפט אַ כאַאָטישע אונגלייכקייט צווישען די סחורות. בעת תבואה איז געווען שפּאָט ביליג, זענען די פרייזען פון סחורות ווייטער געווען זעהר טייער, אַזוי ווייט, אַז ד ידאָרפישע בעפעלקערונג האָט פאַר דעם קליינעם געלד פאַר דער פערקויפטער תבואה, געקענט זעהר ווייניג זיך איינקויפען פון די אַנדערע געברויכס־סחורה.

איצט אָבער איז די לאַגע גאָר אַנדערש. די ביליגע פרייזען פון תבואה וועלען לגמרי נישט ברענגען קיין שאָדען, ווייל אַלע סחורות זענען שוין בלויז צו גליך מיט תבואה. די קויפס־קראַפט פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג וועט נישט זיין אָפּגעשוואַכט, ווייל פאַר דעם געלד, וואָס מען וועט בעקומען פון די ביליגע תבואה־פרייזען קען מען שוין בעקומען גענוג אַנדערע נויטיגע סחורות אויף ביליגע פרייזען.

איצט איז צווישען די פרייזען פון תבואה און אַנדערע סחורות שוין פערהאַן אַ גלייכמעסיגקייט און האַרמאָניע, אַלץ איז ביליג.

מען דאַרף זיך דעריבער גאָרנישט בעאונרוהי־גען צוליב דעם גוטען גערעטעניש און די ביליגע תבואה־פרייזען אויב דער דאָזיגער אויסגאַנג, וועט ברענגען צום קומענדען ווינטער־סעזאָן אַ גרויסע אויפלעבונג.

מען מוז נאָך נעהמען אין אַכט אַ וויכטיגע זאַך, וואָס וועט איצט פאָרקומען נאָכ'ן שניט. מען מוז וויסען, אַז אַלע יאָהר נאָכ'ן שניט, מוזען די לאַנד־ווירטען צאָהלען זייערע חובות, וועלכע זיי שטעלען אויס אויף דער צייט נאָכ'ן שניט. איצט אָבער וועלען די לאַנדווירטען זיין בעפרייט פון צו צאָהלען די חובות אויף אַ לענגערע צייט, ווייל די רעגירונג האָט צוגעגרייט אַזעלכע מאָראַטאָריום־פּראָיעקטען דורך, וועלכע זיי וועלען קענען אַלע צאָהלונגען אָפּלעגען אויף אַ לענגערע צייט. דעריבער וועט די דאָרפישע בעפעלקערונג נאָכ'ן שניט, צום ווינטער־סעזאָן אימשטאַנד זיין צו פערזאָרגען זיך מיט קליידונג, שיך, מיט ווערקצייג און אַנדערע סחורות פאַר דער ווירטשאַפט.

מעי דאַרף אַלזאָ האָבען די האָפנונג, אַז דאָס גוטע גערעטעניש וועט ברענגען אַ גרויסע אויפלעבונג אין האַנדעל אין קומענדיגען ווינטער־סעזאָן.

——=[:o:]=——

וואָס יעדער סוחר און האַנדווערקער דאַרף וויסען

וועגען אומזאַץ־שטייער פאַר שפייז און קאָלאָניאַל־סוחרים

אַ גאַנצע רייה האַנדעלס־קאַמערן זענען אַ"ו"ס געטרעטען מיט אַ פערלאַנג צו דער שטייער־מאַכט, אַז מען זאָל פערקלענערען דעם ריטשאַלט פון אומזאַץ מיט 30 פראָצענט פאַר די סוחרים פון שפייז און קאָלאָניאַל, וועלכע האָבען ביז־איצט געצאָהלט צו 2 פראָצ. אומזאַץ־שטייער, איז דער ריטשאַלט אַ גרויסע פערלייכטערונג, דאַגעגען פאַר די, וואָס האָבען ביז־איצט געצאָהלט 1 פּראָצ. האָט דער „ריטשאַלט" נאָך מעהר פערגרעסערט די שטייערען. אַזוי ווי דער ציל פון ריטשאַלט איז צו פערלייכטערען, פערלאַנגען די האַנדעלס - קאַמערן, אַז מען זאָל פאַר די שפייז־סוחרים פערקלענערען מיט 30 פראָצ. דעם ריטשאַלט.

פערקלענערען די שאַצונג פון הכנסה־שטייער

די לאָדזער פינאַנץ־קאַמער האָט שוין מסכים געווען ביי דער נייער שאַצונג פון הכנסה־שטייער, וואָס וועט זיך איינגיכען אָנהויבען, זאָל מען שאַצען ווינציגער פון פאַראַיאָהרען. דער דירעקטאָר פון דער פינאַנץ־קאַמער האָט בעפוילען צו פערקלענערען מיט 1 פראָצ. דעם דורכשניטליכען פערדינסט פון אומזאַץ מיט סחורה, כדי די שאַצונג זאָל אויסקומען קלענער.

די האַנדעלס־קאַמערן אין אַלע שטעט בעמיהען זיך ביי דער שטייער־מאַכט דאָס מען זאָל פערקלענערען די שאַצונג פון הכנסה דערמיט, וואָס מען זאָל פערקלענערען דעם דורכשניטליכען פערדינסט מיט וועלכען מען מעסט אויס דעם הכנסה־שטייער. אין פאַריגען יאָהר איז דער דורכשניטליכער פערדינסט געווען בעדייטענד קלענער פון פריהער.

ווייטערדיגע בעמיהונגען וועגען פערלענגערען אומזאַץ־שטייער

די האַנדעלס־קאַמערן האָבען לעצטענס בעשלאָסען צו ווענדען זיך צום פינאַנץ־מיניסטעריום מיט אַ ביטע, אַז מען זאָל פערלענגערען אויף נאָך איניגע מאָנאַטען דאָס רעכט אויסצוצאָהלען דעם פערלעגענעם אומזאַץ־שטייער אין קליינע ראַטעס, פאַר קלענערע צוגאָבר־צינזען.

די האַנדעלס־קאַמערן ווייזען אָן, אַז די הנחה צו געבען באָניפיקאַציעס פאַר אויסצאָהלען דעם פערלעגענעם אומזאַץ־שטייער איז אויסגעפאַלען אין די חדשים, ווען דער האַנדעל איז ערשעפט און האָט נישט קיין געלד. אויב מען וועט דאָס פערלענגערען אויף נאָך עטליכע חדשים, וועט דאָס ברענגען נוצען דער מלוכה־קאַסע און די שטייער־צאָהלער וועלען אימשטאַנד זיין צו בעצאָהלען די פערלעגענע שטייערען.

גלייכצייטיג האָבען די האַנדעלס־קאַמערן בעשלאָסען צו פערלאַנגען, אַז מען זאָל אויך דעם אומזאַץ־שטייער צולעגען אויף קליינע ראַטעס, אויסצוצאָהלען אין פערלויף פון עטליכע חדשים.

דער שטילשטאַנד אין דער וואָל־בראַנזשע

אין דער וואָל־בראַנזשע לאָזט זיך איצט פיהלען אַ געוויסער שטילשטאַנד, צוליב דעם וואָס ס'פעהלען ידיעות וועגען דעם ווי אַזוי די פראַגע־ווינץ האָט געלייזט פאַר וואָלענע סחורות.

קיין סוחרים פון דער דאָזיגער בראַנזשע זענען נישט געקומען קיין לאָדז, די וואַרשאַוער האָבען אויך געמאַכט זעהר קנאַפע בעשטעלונגען.

די וואָל־פאַבריקאַנטען זענען דעריבער זעהר פאָרזיכטיג און ווילען נישט אַרבייטען אויף לאַגער.

וועגען צענניקעס פאַר שפייז און קאָלאָניאַל־הענדלער

דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט ווידער דערמאָנט דורך זיין אָקולניק פון 19 מאַי ד. י. נ. 68, וועגען דער פליכט אַרויסצושטעלען „צענניקעס" פון אַרטיקלען פון ערשטען געברויך, אין די צענניקעס מוזען אָנגעגעבען ווערען ערשטענס שפייז־אַרטיקלען, ווי לאַנדווירטשאַפטליכע פראָדוקטען, געבעקס, קאַשעס, גרינס, מילכוואַרג, קעז נאָר איבערלענדישען, אייער, פיש, פרוכטען פרישע און געטריקענטע (אויסער פּאָמעראַנצען), פלייש, וואורשטען, עופות, שמאַלץ, פעטץ קאָלאָניאַל־אַרטיקלען, הייזוען, האָניג, פעפער, שוואַמען, עס־איילען און פראָשקעס צום געבעקס.

דער פליכט פון די צענניקעס בעשטייט אין דעם, אַז אויף אַלע אַרטיקלען, וועלכע געפינען זיך אין געשעפט, ווי אויך אין דעם שוי־פענסטער דאַרפען אָנגעגעבען ווערען די פרייזען און אויסער דעם אַרויסהענגען אַ צענניק, די צענניקעס דאַרפען זיין געדרוקטע אָדער געשריבענע מיט טינט אין איין פאָרמאַט אין דער גרויס נישט ווייניגער ווי אַ האַלבען בויגען פאַפיר, דער צענניק דאַרף ענטהאַלטען דעם נאָמען נון דער פירמע, די דאַטע ווען ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרען, די אויסרעכנונג פון די אַלע סחורות לויט די אַרטיקלען און די פרייזען.

די צענניקעס מוזען זיך געפינען אין געוועלב אויף אַנ'אָרט, אַז מען זאָל איהם קענען אַרויסזעהען און איבערלייענען.

אויב עס איז נישטאָ קיין פרייזען אויף די סחורות ווי אויך אַ צענניק אויף זיי איז דערפאַר דער קרעמער פעראַנטוואָרטליך און די שטראָפען, דערפאַר זענען גאַנץ הויכע.

צענניקעס אויף קאָלאָניאַל, שפייז און מילכוואַרג־אַרטיקלען ווערען איינמאָל אין חודש אויסגעאַרבייט דורך אַ געמישטע קאָמיסיע פון די פעראיינען, צענטראַלער קליינהענדלער־פעראיין, מאַרסקאַ 15, קאָלאָניאַל־הענדלער־פעראיין, ציגעלגעל־גאַס 15, קליינהענדלער - פעראיין פיעטרקאָווער 6 און דער פוילישער קליינהענדלער פעראיין, אַנדושעיאַ 34. די צענניקעס ווערען פאָרגעלעגט דעם שטעטישען סטאַראָסטאַ און נאָכ'ן בעשטעטיגען, ווערען זיי צושיקט צו די מיטגלידער. לעצטענס האָבען זיך פערשידענע פערזאָנען געמאַכט פון דעם אַ פרנסה, דריקען אָן צענניקעס אונטערן נאָמען פון פעראיינען, וואָס געהערען נישט צו דער געמישטע קאָמיסיע, וואָס נויטיגען זיך נישט אין אַרויסגעבען צענניקעס, ווייל זיי בעזיצען נישט קיין קאָלאָניאַל־הענדלער מיטגלידער. און פערשפרייטען זיי צווישען קאָלאָניאַל־הענדלער, ציהענדיג דערפון פרנסה. ד יצענניקעס שטימען נישט מיט די ווירקליכע פרייזען און יעדען בעזיצער פון אַזאַ צענניק דראָהט זעהר אַ האַרבע שטראָף פאַר איבערציהען די פרייזען, אַ פיל גרעסערע שטראָף ווי פאַר אינגאַנצען נישט בעזיצען אַ צענניק, די שטראָף־אָפּטיילונג ביים שטעטישען סטאַראָסטאַ האָט זיך וועגען דעם שוין דערוויסט און אין קורצען וועלען אָנגענומען ווערען געהעריגע שריט, די קאָלאָניאַל־הענדלער דאַרפען דעריבער זיין זעהר פאָרזיכטיג ביים פערזעהען זיך מיט צענניקעס.

מורא'דיגער קריזיס ביי די מענער־מאַגאַזין־שניידער

האָט דערפיהרט צו אַ שטרייק אין דער בראַנזשע

דאָס מענער מאַגאַ... וואָס האָט אַמאָל אין לאָדז און אומגעגענד געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע, בעשעפטיגט טויזענדער בעל־מלאכות, וועלכע האָבען זיך דערנעהרט פון זייער אַרבייט, לעבט איצט איבער אַ שווערען קריזיס.

קיין אָפּזאַץ־מאַרק ווי אין די אַמאָליגע צייטען איז נישטאָ, בלייבט נאָר דער אייגענער מאַרק. דער קאָנסומענט פו ןדעם אַרטיקעל, וואָס איז אין רוב בעשטאַנען פון מיטעל־בירגערליכע און אַרבייטער־קלאַס איז שטאַרק פעראָרימט און קען נישט קויפען. דאָס איז שוין אַלט בעקאַנטע ז.ע. אָבער אפילו דאָס ביסעל אַרבייט, וואָס איז נאָך פערבליבען איז אַוועקגעשטעלט אויף ממש הונגער בעדינגונגען.

די גאַנצע קאָנקורענץ, וואָס די מאַגאַזינער'ס פיהרען צווישען זיך איז נאָר אויפ'ן חשבון די אַרבייטס־לוין, קיין פעקלעך ווי אין די אַלטע גוטע צייטען גיט מען מעהר נישט, אַנדערע שפעקולאַציעס האָבען זיך אויך אויסגעלאָזט איז דער איינציגער שעיר לעזול איז דער בעל־מלאכה, צו וועמען מען לאָזט אויס דעם גאַנצען צאָרן. ביי יעדען טראַנספּאָרט אַרבייט ווערט געמאַכט אַ נייער פרייז, מען בערעכענט נישט די בעל־מלאכות זיי אַרבייט גאַנצע וואָכען און זיי מוזען זיך דרייען פאַר דער טיר פון מאַגאַזין ביז דער מאַגאַזינער טוט זיין חסד און בעוויליגט אַזאַ איינעם אַריינצורופען אין געשעפט אויף אָפּרעכנונג.

דערצו איז נאָך אַ גרויסע צרה די לאָדזער פראָווינץ, וואָס ביי אַ ליאַדע ווידערשטאַנד מצד די בעל־מלאכות איז די אַרבייט צופיהרט געוואָרען אין די שכנה'נישע שטעט, ווי בזשעזשין, אָזאָרקאָוו א. א. דער מענער מאַגאַזין שניידער מייסטער פעראיין, פילסודסקיעגאָ 12 האָט שוין לענגער נישט געקענט דולדען אַזאַ האַנדלונג מצד די מאַגאַזינערס און נישט קוקענדיג אויף דער שווערער לאַגע בעשלאָסען אַרויס אין אַ שטרייק, שוין 2 וואָכען צייט דויערט דער שטרייק און ס'האָבען זיך צו איהם אויך סאָלידאַריזירט די לעכער־נייער. ס'איז שוין עטליכע מאָל גערופען געוואָרען קאָנפערענצען און די קאָנפעקציאָנערס דרעהען זיך יעדעס מאָל אַרויס פון די פערהאַנדלונגען און עס בלייבט ביים אַלטען.

דער מאַגאַזין שניידער־מייסטער־פעראיין האָט אונטערגענומען אַנ'אַקציע, אַז די שכנה'ישע שטעט, ווי בזשעזשין, אָזאָרקאָוו זאָלען דערווייל נישט אויספיהרען די אַרבייט.

אויף דער לעצטער קאָנפערענץ מיט די מאַגאַזינערס האָבען די לעצטע ערקלערט, אַז אין צוויי וואָכען אַרום וועלען זיי ערשט צוטרעטען צו די פערהאַנדלונגען. דערווייל דויערט דער שטרייק.

אורטייל פון העכסטען געריכט

וועגען איינעם אַנ'אָפּ פון נישט־ערענטליכער קאָנקורענץ

(2) מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט איינע פון די לאָדזער פירמעס דורכן איבערקויפען אַנ'אַנגעשטעלטען פון אַ צווייטער פירמע, ערו סבעקומען אַ רשימה פון יענערס קליענטען.

דער ענין איז אויפגעדעקט געוואָרען און די געליטענע פירמע האָט זיך געווענדעט מיט אַנ'אַנקלאַגע צום געריכט.

דאָס געריכט האָט דאַן געמשפט די פירמע אויפן יסוד פון אַרטיקעל 10 פאַר'ן פיהרען אונערענטליכע קאָנקורענץ, לויט וועלכען דער שולדיגער בעקומט א שטראָף צו צאָהלען ביז 12 טויזענד זלאָטעס, אָדער אַרעסט אויף 6 וואָכען, צי ביידע שטראָפען צוזאַמען.

די פעראורטיילטע פירמע האָט זיך דאַן געווענדעט מיט אַ קאַסאַציע צום העכסטען געריכט, טענה'נדיג, אַ די אַדרעסען האָט זי נישט געמוזט דווקא קויפען ביים אַנגעשטעלטען פון דער אַנדערער פירמע. בעת זיי געפינען זיך אין פערשידענע אדרעס־ביכער, פראָפעסיאָנעלע אדרעס־קאַלענדאַרען א. א. וו.

דאָס העכסטע געריכט האָט אָבער גע'פסקנט, אַז דאָס שווינדלערישע אַרויסקריגען די אַדרעסען פון דער געגעבענער פירמע פערדינט זיך אויף דער בעצייכנונג „אומערליכע קאָנקורענץ" און דאַרף פערפאָלגט ווערען לויט'ן עקזיסטירענדען געזעץ.

בעמיהונגען וועגען אומזאַץ הנחות פאַר סוחרים „סקופ"

דעפ. וו. ווישליצקי און דיר. מ. ריידעמאַן אַלס פאָרשטעהער פון סוחרים־פעראיין בעמיהען זיך ביים פינאַנץ־מיניסטער דאָס מען זאָל מאַכען הנחות אין אומזאַץ־שטייער פאַר די סוחרים - סקופ.

לויט דעם נייעם געזעץ מוזען סוחרים־סקופ פון צווייטע און דריטע קאַטעגאָריע צאָהלען 2 פּראָצ. אומזאַץ־שטייער אויב זיי פיהרען נישט קיין האַנדעלס־ביכער. ביז איצט האָבען זיי געצאָהלט נאָר אַ האַלבן פראָצ.

דעפ. ווישליצקי און אינזש. זיידעמאַן האָבען אויפגעוויזען, אַז פון דעם צושטאַנד וועלען פיל ליידען די לאַנדווירטען. זיי פערלאַנגען, אַז די סוחרים־סקופ זאָל מען מאַכען הנחות דאָס זיי זאָלען ווייטער צאָהלען אַ האַלבס פראָצ.

דער האַנדעלס־מיניסטער ד, פאַר וועמען זיי האָבען פאָרגעשטעלט די זאַכלאַגע, האָט זיך פערינטערעסירט מיט דעם ענין און האָט צוגעזאָגט צו טון וועגען דעם.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג
ט"ז
19
תמוז תרצ"ב

יולי
זון-אויפגאנג 3.37
זון-אונטערגאנג 7.46

פון האנדעלס-געריכט

אקצ. געז. „סעמאלאנא" רעגולירט אויף 43 פראצענט

דעם 19-טען יאנואר ס. י. האט די אקצ. געז. „סעמאלאנא" בעקומען א „נאדזור" אויף 3 חדשים.

דעם 4-טען אפריל ד. י. האט די פירמע פארגעלעגט די קרעדיטארען א רעגולאציע-פארשלאג אויף 40 פראצ. אויסצוצאהלען אין משך פון 2 יאהר.

די געשוואוירענע רעווידענטען, וואס האבען אדורכגעפיהרט א קאנטראל פון בילאנס, זענען געקומען צום בעשלוס, אז לויט דעם פאקטישען צושטאנד, איז די פירמע אומשטאנד צו רעגולירען אויף 43 פראצענט.

אויף דער לעצטער זיצונג, האט דאס געריכט דעם אפמאך ׳בעשטעטיגט נאר אנשטאט 40, דארפען די קרעדיטארען בעקומען 43 פראצענט.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופגעלאשטש פון דער פירמע „ראטבערג און אדלער" (6-טען שערפיען 6) האט האט געריכט אין דעצעמבער 1930 בעשטעטיגט א רעגולאציע-אפמאך, לויט וועלכע די פירמע איז זיך מתחייב צו בעצאהלען פולע 100 פראצענט, אויסצוצאהלען אין ראטעס, אויף וואס די קרעדיטארען האבען מסכים געווען.

די זיצונגען, וואס זענען פארגעקומען דעם 26 פעברואר און 6-טען מאי, האבען צו קיין אויסגלייך נישט דערפיהרט.

די אפעלאציע ווענען מבטל מאכען דעם אופגעלאשטש, האט דאס אפעלאציע - געריכט אויף דער לעצטער זיצונג אפגערופען.

לאבוזערסקע אנפאלען אויף יודען אין קאנסטאנטין

בעת א חנוך ספר תורה

אין דעם שטעטעל קאנסטאנטין נעבען לאדז מעהרען זיך לעצטענס כסדר די לאבוזערסקע און כוליגאנישע אנפאלען אויף יודען, ס׳איז געקומען אזוי ווייט, אז די יודען האבען פשוט מורא אויף דער נאכט ארויסצוגעהען אין גאס.

ערשט נישט לאנג האבען מיר געשריבען וועגען דעם כוליגאנישען אנפאל אויף יודישע רוהיגע צושויער נאך א פוסבאל-מעטש, ווען א צעהנדליג יודען זענען פערוואונדעט געווארען, זונטאג האט זיך אזא אנפאל ווידער איבערגעחזרט ביי אנ׳אנדער געלעגענהייט.

די סאכאטשאווער חסידים האבען נעכטען אויף דלוגא 52 איינגעארדענט א חינוך ספר-תורה. פאר׳ן יודישען שטעטעל איז דאס געווען א גרויסע פייערונג און כמעט דאס גאנצע שטעטעל איז געווען אויפ׳ן ארט פון דער פייערונג, ווען מ׳איז געגאנגען מיט׳ן נייעם ספר צו דער חופה, האבען זיך פלוצלינג אנגעהויבען צו שיטען שטיינער אויף די יודען, ס׳איז געווארען א גרויסער טומעל, פון אלע זייטען האט מען אנגעהויבען צו לויפען. דער אנפאל האט אבער נישט אויפגעהערט. דערוויל האבען שוין עטליכע מענשען אנגעהויבען צו בלוטיגען. אבער דער אנפאל האט נישט אויפגעהערט פון אלע זייטען, גוט ארגאניזירט האבען שקצים געווארפען גרויסע שטיינער, ס׳זענען ערנסט פערוואונדעט געווארען פריילין לעווי, פנחס אייבושיץ און אנדערע, ווען די אלארמירטע פאליציי איז אנגעקומען איז שוין געווען צו שפעט. קיינעם פון די אנפאלער האט מען שוין נישט געכאפט.

אינטערעסאנט איז פאלגענדער פרט, צוליב דער חינוך-פייערונג האבען די יודען אויפ׳ן הויז וואו די שמחה איז פארגעקומען ארויסגעהאנגען די פוילישע ווייס-אמאראנטע פאהן און פון דער צווייטער זייט די יודישע ווייס-בלויע פאהן. דעם פאליציאנט איז דער דאזיגער ענין נישט געפעלען געווארען און געהייסען אראפנעהמען נישט נאר די ווייס-בלויע פאהן, נאר אויך... די פוילישע ווייס-אמאראנטע.

וויכטיג פאר די, וואס ווילען שטודירען אין אויסלאנד

דאס אקאדעמישע עמיגראנטען ביורא אין ווארשא ביים צ. ק. פון „פערבאנד צו העלפען די יוד. סטוד. שטודירענדע אין אויסלאנד" אינפארמירט אונז, אז לויטן מוסטער פון די פערגאנגענע יאהרען ווערט אויך דאס יאהר געעפענט א אפטיילונג אין לאדז וועלכע ערלעדיגט אלע ענינים פערבונדען מיט דעם ארויספאהרען נאך אויסלאנד ווי: אויפנאמען אויף די אויסלענדישע הויכשולען, הנהה פעסער, צ. י. ע. (אינטערנאציאנאלע סטודענטען קארטען) באהן הנח׳ת א. א. וו.

עס ווערט געווארענט די אקאדעמישע יוגענד געגען די כלומרשטע „אקאדעמישע אינפארמאציאנס ביוראס" וועלכע זענען פריוואטע אונטערנעמונגען, וועלכע פיהרען אריין אין א טעות די אקאד. יוגענד און קיין אקאדעמישע אינסטאנץ טראגט נישט די פעראנטווארטליכקייט פער זייער טעטיקייט.

אין אלע ענינים פערבונדען מיטן ארויספאהרען אויף שטודיום אין אויסלאנד דארף מען זיך ווענדען אין אקאד. עמיגראנטען ביורא אין לאדז גדאנסקא 40 טעל. 241-07.

די, וואס פאהרען אויף סטודיען קיין טשעכאסלאוואקיי

קאנען בעקומען פערשידענע אינפארמאציעס: אין דער אינפארמאציע-ביורא פון דעם קרייז פון לאדזער סטודענטען אין פראג, פעטריקאווער 17, אין לאקאל פון „פאטא-בערנארדי", יעדען דינסטאג צווישען 11 און 13 א זייגער, און יעדען דאנערשטאג—צווישען 16 און 18 א זייגער.

א ברייטער גאסט

לייגט זיך שיכורערהייד אויפ׳ן טיש און ווארפט ארויס דעם באלעבאס

(2) דער 29-יאהריגער סטאניסלאוו בארטשאק פון קאוויענסקא 17) א יונג א שכור, איז נעכטען 6 פארטאג אריין אין דער פארטיערניע פון יעלענקעוויטשעס פאבריק אויף אל. קאשטשושקי 10, און זייענדיג, בחרפותנו הרבים, אין דעם עלטער זיידע לוט׳ס מעמד, רחבותדיג אויסגעלייגט אויפ׳ן טיש „כאפען א דושים".

ווען דער פארטיער פון דער פאבריק, שיע סאבאל האט איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז דא איז נישט דער „גראנד האטעל", און אז דער טיש איז נישט קיין טאפטשאן, האט דער שיכור איהם אנגעכאפט פאר׳ן קאפ און ארפגעווארפן פון אלע טרעפען...

פאגאטאוויע האט סאבאלן אפגעפיהרט אין א שווערען צושטאנד אין שפיטאל אריין.

דעם שיכור ווירער האבען די אנגעקומענע ארבייטער פערהאלטען און געלאזט ארעסטירען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: ש. יאנקעלעוויטש (אלטער מארק 9), ל. שטעקעל (לימאנאווסקיעגא 37), ב. גלוכאווסקי (נארוטאוויטשא 6), ס. האמבורג (גלובנע 50), ל. פאוולאווסקי פעטריקאווער 307), א. פיאטראווסקי (פאמארקא 91).

ארונטערגעפאלען פון א דראזשקע

(2) נעכטען איז לעם נארוטאוויטשא 24 ארונטערגעפאלען פון א דראזשקע דער 36 יאהריגער יאקיב גרושקא (פון וואלטשאנסקא 144) און זיך שטארק צוקאליעטשט דעם קאפ.

פאגאטאוויע האט איהם באנדאזשירט און אפגעפיהרט א היים.

DR. MED. J. ŁUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פאלודביאווא 9, טעל. 183-17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
אייגענע פראצאווניע פון זעמטליבע ארטאפעדישע
אפאראטען ווי: ווקלאדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע
הענד און פיס, גארטעלן א. אז. וו.

נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

נייע לאוויניקעס אין די ארבייטס-געריכטען

(2) אין יאנואר ק. י. ענדיגט זיך די 2-יאהריגע קאדענץ פון די לאוויניקעס ביי די ארבייטס-געריכטען.

אין שייכות דערמיט מוזען די ארגאניזאציעס פון די ארבייטענדע און ארבייטסגעבער פארשטעלען אין ארבייטס-אינספעקטאריאט די ליסטעס פון זייערע קאנדידאטען אויף לאוויניקעס.

מען איז שוין איצט אין בעזונדערע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס צוגעטראטען צים צונויפשטעלען די ליסטעס פון די קאנדידאטען אויף לאוויניקעס אין די ארבייטס-געריכט און אין די קרייז-ארבייטס-געריכטען אלס אפעלאציע-אינסטאנצן.

דאס צושווערען פון די נייע לאוויניקעס וועט פארקומען אין משך פון חודש דעצעמבער.

די גוס-רעגענס האבען אונטערגעשווענקט באהן-שינעס

(2) די לעצטע גוס-רעגענס האבען אנגעמאכט גרויסע שאדענס אויף די באהן-ליניעס.

צווישען אנדערען האבען די רעגענס אונטערגעשווענקט אויף א בעדייטענדען שטח דעם באהן-וועג אויף דער ליניע גאלקובעק—קאלושקי, און א קלענערען שטח אויף דער ליניע גאלקובעק—סלאטווין.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, קומט זינט עטליכע טעג פאר די באהן-קאמוניקאציע צווישען גאלקובעק—קאלושקי אויף איין ליניע.

עס איז געווען אונמעגליך צו פערריכטען שנעל די ליניע, מחמת צוליב די גרויסע אפשפארונגען אויף די באהנען ווערט נישט דיספאנירט מיט דער געהעריגער צאהל ארבייטער.

פערגוואלדיגט א מיידעל

וואס האט איהר פאטער צוגעטראגען עסען אין פעלד

(2) די 20-יאהריגע זאפיע סאלאמאן (פון קורטשאקי נעבען כאיני) האט צוגעטראגען א מיטאג איהר פאטער, וועלכער האט געארבייט אין פעלד ביים שניידען קארן.

אויפן צוריקוועג האט זיך צו דער מיידעל צוגעשטעפט אנ׳אויסוואורף, וועלכען זי האט געשטעלט א ווידערשטאנד.

זי האט אבער בעקומען פון איהם א העפטיגען קלאפ אין קאפ און א געחלשטע איז זי נעפאלען אויף דער ערד.

דער אנפאלער האט זי דאן פערגוואלטיגט און זיך געלאזט אנטלויפען.

א צופעליגער עדות פון דעם שאנד-טאט האט געמאכט אנ׳אלארם.

מ׳האט דעם מנוול געכאפט און ארעסטירט. ער הייסט לעאן קושטשיק (שליאנוקא 64) 28 יאהר אלט.

ארעוואלוציע אין דער קאסמעטיק!

אונגעוועהנליכע רעדוקציע פון אלע פרייזען

איז דער איינציגער קאנקורענץ = פערפומעריע פון דער פירמע

י. דרוקער, 5 זאוואדזקא 5

טעלעפאן 17592

וואס בעזיצט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע פאריזער פערפומען,

ווי אויך די פיינסטע ערשטקלאסיגע פודערן, טואלעט-זייפען או"וו

Perfumerja J. DRUKIER

מיט אכטונג
ZAWADZKA 5
TEL. 175-92

בעמערקונג: ענגראסיסטען בעקומען ספעציעלען ראבאט.

איום-טוב אויף די פעלדער פון „העלענובעק“

אריגינעלער אויספלוג פון 15 שילער איבער די יודישע שטעטלעך אין לאדזער סביבה

זונטאג איז אין „העלענובעק“ פארגעקומען דער „חג הקציר“, נישט־קוקענדיג אויף דעם אומזיכערען וועטער, זענען צו דער פייערונג געקומען א גרויסע צאהל געסט, מיטגלידער פון דער פערוואלטונג און מיטגלידער.

די ברוין־הויטיגע יודישע שניטער שטעלען זיך אויס ביים תבואה־פעלד און מיט'ן געזאנג „עם ישראל חי“ לאזען זיך די חלוצים מיט די פינקלדיגע קאסעס שניידען די זאנגען. דער עולם, וואס האט זיך צוגעקוקט צו די יודישע, פעסטגעבויטע פויערימלעך, מיט וואסער'ע איבערגעבענהייט און ליבע זיי פיהרען אויס די ארבייט, האט בעוואונדערט די ענערגיע, און גלויבט די דערגרייכונגען פון „העלענובעק“.

א שטארקען איינדרוק האט געמאכט אן אייגנעשפאנטע בויד, וואס איז בעשטימט אויף צו פיהרען 15 שילער פון אינטערנאט אויף אן אויספלוג אין דער סביבה פון לאדז. די בויד איז דעקארירט מיט העברעאישע און פוילישע אויפשריפטען. דער אריגינעלער קאראוואן וועט אין דער בעגלייטונג פון לייטער ה' פארעצקי באלד זיך לאזען אויף דער נסיעה, לויט פאלגענדען מארשרוט: לאדז, ווישניאר וואר־גורא, קוראוויצא, אויאזד, טאמאשאוו, ספאלא, איבאוולאק, אפאטשנא, סילעוו, פיעטריקאוו, פאביאניץ און בעלכאטאוו.

דער דאזיגער אריגינעלער אויספלוג וועט דויערען 12 טעג. אזוי ארום וועלען די קינדער האבען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט די קליינע יודישע שטעטלעך און דערפער, און דאס אונטער א שטרענגער אויפזיכט, פון וואס די קינדער וועלען פיל לערנען.

פאר'ן אפפאהרען, האבען די קינדער געזונגען זייער „גרויסען טאטען“ — ה' רומקאווסקין אין רעדועל אריין, און אוועק אין א ריקוד'ל.

דער „חג הקציר“ אין „העלענובעק“, האט אויף די געסט געמאכט א זעלטען גוטען איינדרוק.

לאדזער בערזע

4 פראצ. אינוועסטיציע	94,—
4 פראצ. דאלאריבקע	47,75
5 פראצ. קאנווערסיע	36,—
3 פראצ. בודאוולאנע	36,—
8 פראצ. ווארשאווער לאנד-בריף	55.75
8 פראצ. לאדזער לאנד-בריף (נישט אפ.)	54,50
7 פראצ. סטאביליזאציע (אמער.)	46,88
4 און א האלב פראצ. זשעמסקע	35,50
דאלארען (נישט אפיציעל	8,89
פונטען	31,70
פראנקען	35.06
גאלד-דאלאר	8,97
גאלד-רובעל	4,76

PRYWATNE POGOTOWIE LEKARSKIE
TEL. 12-333. ZIELONA № 6.
Szybka pomoc lekarska.–Przewóz chorych.

סאכארין, אויסלענדישע רפואות א.א.וו.

ארעסטירט א גרויסע באנדע פון שמוגלערס

(2) דער גרעניץ־וואך איז געלונגען צו קומען אויף די שפורען פון א ברייט־פעריצווייגטער באנדע, וואס האט מאסענווייז געשמוגעלט פון דייטשלאנד סאכארין, מעדיקאמענטען, ראזיר־מעסערס א. אז. וו.

אין רעזולטאט פון דער אדורכגעפיהרטער אבלאווע זענען ארעסטירט געווארען עטליכע און צוואנציג פערזאן.

דערביי איז אויך ענטדעקט געווארען א יוזען־לאגער וואו מ'האט געהאט בעהאלטען די סחורות, וואס זענען געשמוגעלט געווארען פון אויסלאנד, איידער זיי פלעגען פונאנדערגעשיקט ווערען אין בעזונדערע שטעט פון לאנד.

ס'איז אגב פעסטגעשטעלט געווארען, אז אין משך פון איין נאכט פלעגט מען אדורכשמוגלען פון דייטשלאנד אנ'ערך 400 קילא סאכארין.

געגען פער'עקשנטע נישט־צאהלער

איז פעראן א מיטעל — אפגעבען א שבועה אין געריכט

(2) אין די לאדזער סוחרים־פעראיינען ווערט איצט לעבהאפט ארומגערעדט דער פראיעקט פון א נייער פעראדנונג מכח דער עקזעקוציע פון דער פינאנץ־מאכט לגבי צאהלער פון פינאנץ־שטייערן.

לויט ווי עס איז צו זעהן פון די שוין פעראנענע אינפארמאציעס, זעהט פאר דער דאזיגער פראיעקט צ. א. גאנץ שטרענגע רעפרעסיעס, געגען פער'עקשנטע שטייער־צאהלער, וואס איילען זיך נישט מיט'ן רעאליזירען די שטייערן.

אין פאלען, למשל, ווען די עקזעקוציעס פון שטייערן וועלען נישט האבען די געהעריגע פעולה — דער ווערט פונ'ם סעקוועסטרירטען זאל זיין, צום ביישפיל א קלענערער, אדער דריטע פערזאנען זאלען האבען געמאלדען זייער רעכט אויף די פערמעגענס — וועלען אזעלכע שטייער־צאהלער פאר'ן געריכט מוזען געבען גענויע רשימות פון זייער פערמעגענס, און אפגעבען שבועות אז מעהר פערמאגען זיי נישט.

ווען צוליב וואסער'ע נישט איז סיבות וועלען עס די שטייער־צאהלער נישט טון, אדער נישט ווי־געהעריג טון, וועט מען זיי פשוט בעשטראפען מיט טורמע. און עס קאן אויסמאכען, אז ביז וואס־ווען, וועט אזא איינעם אויסקומען א האלב יאהר אין משך פון א יאהר צו זיצען פערשפארט אין תפיסה...

קויפט ביי אונזערע אנאנסען־געבער

ביי גאל און לעבער־ליידען

גאלשטיינער און נע'בוגכט רעגולירט דאס גאטירליכע ביטערוואסער

Franciszka Józefa

די פולקאמענער ווייזע.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאדי אפטעטשנעס.

לאדזער מאגיסטראט פאר די קינדער

פון די שטרייקענדע בעלכאטאווער ארבייטער

דער לאדזער מאגיסטראט האט בעשטימט 500 זלאטעס פאר די קינדער פון די שטרייקענדע ארבייטער אין בעלכאטאוו.

אנשטאט 120 זלאטעס

גייען ארום פיער מענשען מיט נעבונדענע קעפ

(2) יחיאל ווארשאווסקי (פון לימאנאווסקיעגא 35) איז אוועק איינקאסירען א וועקסעל אויף 120 זלאטעס פון די ברידער סטעפאן, זיגמונט און מיעטשיסלאוו לומשאק (פון מאלאפאלסקא 24).

געקומען מיטן וועקסעל—האט זיך אנגעהויבען אן'אמפערניש צווישען די „בראטשיקעס“, ווער פון זיי עס דארף דעם דאזיגען וועקסעל צאהלען, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז ס'האט געמוזט ארויסגערופען ווערען פאגאטאוויע, וואס האט די „דריי וועקסעל־צאהלער“ צוזאמען מיט'ן אינקאסענט ווארשאווסקי'ן געמוזט באנדאזשירען די געפעטנטע קעפ...

א שרעקליכער טעות

(2) דער 29 יאהריגער וולאדיסלאוו מילשארעק, אנ'ארבייטער פון דער פאבריק אויף דער גאס פון 28-טען קאניאווער שיסער־פאלק איז בעת דער ארבייט געווארען שטארק דורשטיג.

האט ער זיך געוואלט אנטרינקען און אנשטאט וואסער האט ער א זופ געטון זאלץ־זויער...

פאגאטאוויע האט איהם אין א שווערען מעמד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

ראדיא־פראגראם

דינסטאג, דעם 19 יולי

–21,58 צייט-סיגנאל. 12,10 – מעגליכע פרעסע-איבערזיכט. 12,40 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 12,45 גראמאפאן-פליטע. 4,35 קאמוניקאט פאר פישער און שיפער. 4.40 רעפעראט. 5 פאפולערער קאנצערט. 6 רעפעראט, 610 טאנץ-מוזיק. 7,15 פערשידענעס. 7.35 ראדיא - פרעסע. 7,45 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער. רעפערטואר פון די טעאטערן. 8 קאנצערט. 9,50 פרעסע-בעריכט. 9,55 קאמוניקאט פאר לופט-פליהער. 10 טאנץ מוזיק. 10,40 ספארט - ידיעות. 10,50 טאנץ-מוזיק.

אויסלאנד

8,20 וויען, סימפאנישער קאנצערט. 8,30 מיילאנד. „גראף לוקסעמבורג“ אפערעטקא – 8,45 – בודאפעשט. – קאמעראל קאנצערט.

לאדזשער שטאט־טעאטער, ציגעל־גאס 27
יודיש דראמאטיש טעאטער אין פוילען
XVII יאר — ווילנער טרופע — דיר. מ. מזאה
לעצטע גאסטשפילן פון זיגמונט טורקאוו
היינט, דינסטאג, דעם 19-טען יולי ד. י. 9 אוונט - 12-טער גאסט־אויפטריט פון
זיגמונט טורקאוו
— אין —
„אנכל מאזעס“
3 אקטען מיט פראלאג (6 בילדער) פון שלום אש.
דראמאטיזירט : אידא קאמינסקא. רעזשי: ז. טורקאוו.
בילעטען פון 50 גר. אן צו בעקומען אין די שטאט-טעאטער-קאסעס : פון 1 ביז 3 נאכמ. אין באשטעל-קאסע (טראוגוטא 1, קאמעראל-טעאטער), פון 7 אוונט אין שטאט-טעאטער
די נאהענטסטע פרעמיערע:
פרייטאג, דעם 22-טן ד. ח. „אזעף“ פון אל. טאלסטאי און פ. שטשעגאלעוו,
בעארבייט פאר דער יודישער בינע פון אנדזשיי מארעק.

(72

ר. איזראעל

דאס בופעט־מיידעל

א סענסאציאנעל־ערא־ישער ראמאן פון דער לאדזער וויר ליכקייט

— אי זייט פארזיכטיג, ליבער פריינד, נעהמט נישט די זאך אזוי לייכט, איך פיהל, אז אין דעם אלעם שטעקט א גרויס געהיימניש, וועלכעס איז ביז איצט בעהאלטען געווארען, אבער מאנקע איז געראכט, איהר דארפט זיך אליין געפינען דעם וועג, מיין ציל האב איך דערגרייכט. איך האב אייך בעפרייט און זיך דערוואוסט ווער איהר זענט, מעהר האב איך דאך אייגענטליך נישט געוואלט, צו מעהר האב איך דאך נישט געשטרעבט.

— גוט, האט פראנקענשטיין געזאגט, איך בין שוין גענוג שטארק און געזונד, אז איך זאל קענען אוועקגעהען פון דאנען, מיין קאפ איז שוין גענוג אויסגערוהט און מיינע געדאנקען ארבייטען שוין נארמאל, כדי זיך צו קענען אריענטירען און צו וויסען וואס צו טון.

— בעריש, האט מאנקע געזאגט, צוגעהענדיג צו איהם.

— וואס ווילסט דו, מאנקע?

— איך וויל דיך עפיס בעטען, איך וויל אבער, אז דו זאלסט, נישט זיין בייז און זאלסט מיר ערלויבען צו טון, דאס וואס איך האב בעשלאסען.

— איך בין נישט דיין פאטער, איך בין נישט דיין בעפעהלער, אז איך זאל דיר נישט ערלויבען טון, דאס וואס דו ווילסט...

— ביזט מיר אזוי גוט ווי א פאטער און א מוטער, איך האב אין איצטיגען מאמענט קיינעם נישט מעהר אויף דער וועלט, ווי דיך, איך האב זיך איבערצייגט, אז דו ביזט מיין איינציגער פריינד אז דו אליין אינטערעסירט זיך מיט מיין גורל...

בעריש איז געווארען אזוי געריהרט פון מאנקעס רייד, אז ער האט זיך שיער נישט צוויינט, ער האט צוגעדריקט איהר שטערן צו זיינע ליפען און אויפגעפרעסט דארט א קוש.

— יא, מאנקע ס'איז אזוי, איך בין שוין אלט און בלאנקע זיך ארום איבער דער וועלט ווי אנ'אלטער הונד, וועלכען קיינער ברויכט שוין נישט, „יענע געזעלשאפט האט מיך אויסגעשפיגען, מיין געזעלשאפט קען איך מעהר נישט צונויף קומען, איך זוך דעריבער עפיס צו טון אויף דער וועלט, עפיס אזעלכעס, וואס זאל בערוהיגען מיין געוויסען, וואס זאל בערעכטיגען מיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט, דעריבער האב איך זיך אזוי שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם דאזיגען ארעסטאנט, דעריבער האב איך זיך אזוי שטארק פעראינטערעסירט מיט דיר און מיט דיין גורל, געוועזען גרייט ציטצולײדען מיט דיר...

— און איך בין אנדערש? ווען בין איך נויטיג אויף דער וועלט? ווער דארף מיך, מאנקע דעריבער וויל איך דיך איצט עפיס בעטען.

— וועגען וואס האנדעלט זיך, האט בעריש שוין געזאגט פעראינטערעסירט, שטעלענדיג זיך אין זיין געוועהנליכער פאזע. מיט די הענד אין די טאשען און הויס וועלעסאפעד־היטעל ארויפגערוקט איבער די אויגען.

— איך וויל, אז דו זאלסט מיר ערלויבען מיטצוגעהען מיט פראנקענשטיינען, וואוהין ער וועט געהען, וועל איך מיטגעהען, איך וועל זיך בעהאלטען צוזאמען מיט איהם, איך וועל אויספיהרען אלע זיינע שליחות'ן, ביז דער ענין וועט אינגאנצען אויפגעקלעהרט ווערען, ביז פראנקענשטיין וועט זיך קענען פרעהען מיט זיין לעבען, אזוי ווי ער האט זיך געפרעהט ביז זיין אומגליק.

— מאנקע, דו ווילסט בעגעהען א וואהנזיניגען שריט, דו בעטראכסט דיך גארנישט וואס דו ווילסט טון.

— זאל זיין אזוי, איך וויל זיך גארנישט בעטראכטען, איך וויל טון אזוי ווי מיין שכל דיקטירט מיר אהן שום איבערלעגען זיך, אהן שום ספקות.

טו ווי דו ווילסט, מאנקע, זיי מצליח אין דיינע וועגען.

בעריש האט זיך אויסגעווישט 2 גרויסע טרערען פון די אויגען, ער האט זיך אזש געשעהמט דערפאר און צוגעווארפען, לויט זיין געוואוינהייט א קללה.

— דער טייוועל זאל דאס נעהמען, אזוי ווי זיי קליינע קינדער געווארען.

פראנקענשטיינען האט זיך געדוכט, אז דאס אלץ חלום'ט זיך איהם, ער האט געהערט דאס געשפרעך צווישען די ביידע מענשען, וועלכע זענען געווען פאר איהם פרעמד, און געמיינט, אז ער לייענט דאס אלץ אין א מעשה־ביכעל.

— ווער זענען די דאזיגע מענשען? פאר־וואס אינטערעסירען זיי זיך אזוי מיט איהם?

— איך וועל מיין אומשולד בעווייזען, האט פראנקענשטיין לײדענשאפטליך געזאגט, איך וועל עס בעווייזען פאר דער גאנצער וועלט איך, וועל צוריק בעקומען מיין פאמיליע, מיין פערמעגען, מיין גוטען נאמען.

זענט איהר מסכים פראנקענשטיין, אז איך זאל צוזאמען מיט אייך בלייבען ביז דאס וועט אייך געלונגען, האט מאנקע געפרעגט.

נישט נאר איך, בין מסכים נאר איך וועל אייך דאנקבאר זיין דאס גאנצע לעבען.

ערשט איצט האט זיך בעריש דערמאנט, אז זיי אלע דריי האבען נישט קיין גראשען געלד. ווי אזוי וועלען פראנקענשטיין מיט מאנקען אוועקגעהען פון דאנען אהן א גראשען געלד, ס'קען דאך אפילו קיין רייד נישט זיין, אז זיי זאלען בלייבען אין דער זעלבער שטאט, זיי מוזען ערגעץ אוועקפאהרען, פראנקענשטיין מוז אויף ווייטער בלייבען בעהאלטען און נאר מאנקע זאל זיין טעטיג אין דער הינזיכט.

בעריש האט זיך דעצידירט, ער האט צוגעזאגט צו שאפען געלד פאר פראנקענשטיין מיט מאנקען, כדי זיי זאלען קענען דעם ענין אויפקלעהרען, בעריש האט בעשלאסען זיך נישט אפצושטעלען פאר קיין שום זאך, אפילו גנב'ענען, באר כדי צו פערענדיגען אינגאנצען דעם ענין וואס ער האט צוזאמען מיט מאנקען אנגעהויבען.

ס'זענען געמאכט אלע פארבערייטונגען דערצו, אז פראנקענשטיין זאל פערלאזען בעריש'ס וואוינונג, ס'זענען אנגענומען געווארען אלע פארזיכטיגקייטס־מיטלען, פראנקענשטיין איז געווען איצט בעוואקסען מיט א היבשער באדע, אנשטאט דעם וואס ער איז פריהער געווען גלאט ראזירט, א חוץ דעם האט בעריש אזוי צוגעפאסט זיינע מלבושים און בכלל זיין אויסזעהען, אז איהם איז ווירקליך געווען כמעט ווי נישט צו דערקענען.

פראנקענשטיין איז געווען אין הומאר, ער איז געווען זיכער, אז איצט וועט זיך איהם אלץ איינגעבען, אז סוף־כל־סוף וועט נעהמען אן עק צו זיינע ליידען, ביי דער דאזיגער שטימונג האט ער צוזאמען מיט מאנקען פערלאזען בעריש'ס וואוינונג.

(פארזעצונג קומט)

ווי דארף מען זיך פיהרען
כדי אויסצומיידען דעם שרעקליכען בויך-טיפוס?

אין שייכות מיט די טיפוס-פאלען אין אונזער שטאָט, האָט דער געזונדהייטס-אַמט ביים מאַגיסטראַט אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף צו דער בעפעלקערונג מיט פאָלגענדען אינהאַלט.

„דער בויך-טיפוס הויבט זיך ווידער אָן צו פערשפרייטען אין אונזער שטאָט.

ס'איז אָבער זעהר לייכט אָפצוהיטען זיך פון דער דאָזיגער שווערער, אָפט לעבענס-געפעהרליכער קראַנקהייט.

מ'דאַרף נאָר געדענקען, אַז:

1) מ'טאָר נישט טרינקען קיין רויה וואַסער;

2) מ'טאָר נישט טרינקען קיין נישט איבערגעקאָכטע מילך, ווייל סיי אין וואַסער, סיי אין מילך זענען פאַראַן טיפוס-מיקראָבען, וועלכע פערשווינדען, ווען מ'קאָכט זיי איבער;

3) פרוכטען בעדאַרף מען אָפּצוואַשען מיט איבערגעקאָכט וואַסער, אָדער אַרומשיילען;

4) אַלערליי שפייז-פּראָדוקטען (געבעקס, פלייש א. אז. וו.) דאַרף מען אויסהיטען פון פליגען, ווייל זיי טראָגען פונאַנדער די מיקראָבען;

5) מיט אַלע מיטלען דאַרף מען פטור ווערען די פליגען;

6) פאַר יעדען עסען דאַרף מען וואַשען די הענד, ווייל אויך אויף די הענד קאָנען זיך געפינען די מיקראָבען;

7) מ'דאַרף נישט אַריינגיין אין וואוינונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך טיפוס-קראַנקע;

8) מען דאַרף זיך לאָזען מאַכען געגען-טיפוס-אימפונגען, וואָס בעשטייט אין אַראָפּשלינגען פיר פילען מיט דער געהעריגער אימפונג (אין משך פון 4 טעג, יעדען טאָג, אויפ'ן ניכטערען מאָגען — אַ פיל). די דאָזיגע פילען זענען אַבסאָלוט אומשעדליך, און זיי גיבען די זיכערקייט, אַז אַ יאָהר־צייט וועט [illegible] נישט קראַנק ווערען אויף בויך-טיפוס;

ד יפילען קאָן מען בעקומען אין אַלע סאַניטאַר אויפזיכט-שטעלען צו 50 גראָשען פאַר 4 פילען.

די סאַניטאַר-שטעלען געפינען זיך:

1. שטעלע — לימאַנאָווסקיעגא 37;
2. שטעלע — פיראמאוויטשא 10;
3. שטעלע — זשעראָמסקיעגא 4;
4. שטעלע — קאָפערניקא 19;
5. שטעלע — פשעיאַזד 86;
6. שטעלע — סאסנאווע 1;
7. שטעלע — וואולטשאַנסקא 251;
8. שטעלע — באַזאַרנע 4.

ווען איהר וועט זיך צופּאַסען צו די דאָזיגע אָנווייזונגען — וועט איהר אָפּגעהיטען ווערען פון בויך-טיפוס" !

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע"
פערבאַנד-טרופּע פון א.א.פ. אין פוילען. אַנפיהרונג: א. בעזמאַז.

יעדער מוז קומען און בעוואונדערן

פרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

די פענאָמענאַלע אַרטיסטין זינגערין און טענצערין

מריס קאראלאווא

אין דער ערפאָלגרייכער קאָמישער אָפּערעטע

דאָס בעקערס טעכטערל

וואָס געהט היינט, 9 אָוונד, צום 4-טען מאָל

מיט אַנטייל פון יוגענדליכען ליבהאַבער אדאלף טעפּנער.

אַכטונג! אין 2-טען אַקט אין קאַבאַרעט ווערט דורך מאַדאַם קאַראַלאָווא אויסגעפיהרט אַ פּאָטפּורי פון אַ רייה אינטערנאַציאָנאַלע לידער און אויך ה' קאַמבאַראָוו פיהרט אויס אַקראָבאַטישע טענץ, וואָס רופען אַרויס בעגייסטערונג.

אַ גרויסע סענסאַציע פּרוואָרט דעם לאָדזער פּובליקום! שבת 4 בייטאָג, וואָס???

לעזט די ווייטערע אַנאָנסען! ביי אויסצושניידען אַ נעדראַב: ביי דער קאַסע איז די קאַסע אָפן אַ גאַנצן טאָג

א משפט, וואס ציהט זיך 6 יאהר
א סברא, אז מיט דעם נעכטיגען אורטייל איז נאָך דער ענין נישט פערענדיגט

(2) געווען איז עס אַזוי:

אין סעפּטעמבער 1926 איז איינגעפאַלען אין דער מיליטער-מאַכט אַנ'אַנקלאַגע פון דער אַקושערקע סטאַניסלאַווא סטעלמאַשטשיק, אַז דער סערזשאַנט אַגדשעי טשמעל האָט פערגוואַלטיגט איהר טאָכטער אירענע.

האָט מען טשמיעל'ן געמשפט און ער האָט בעקומען אַ פסק צו זיצען 2 יאָהר אין פולשטענדיגע דעגראַדאַציע.

טשמיעל איז אָפּגעזעסען 2 יאָהר, און אַז ער איז אַרויס פון דער טורמע האָט ער אַדורכגעפיהרט אַ רעוויזיע פונם פּראָצעס, און איז ריינגעוואַשען געוואָרען.

דאַן איז פאַר אַ פאַלשער אַנקלאַגע געמשפט געוואָרען די אַקושערקע, און זי האָט בעקומען צוגעמשפט אַ יאָהר טורמע.

איהרע פערטיידיגער האָבען דאַן אַפּעלירט, און נעכטען ערשט איז איהר פּראָצעס פאָרגעקומען אין קרייז-געריכט, אלס אין דער אַפּעלאַציע-אינסטאַנץ.

די איינגענטליך-געליטענע, אירענא, די טאָכטער איהרע איז בינו-לבינו געשטאָרבען.

דאָס אַפּעלאַציע-געריכט האָט נעכטען אַרויסגעטראָגען דער אַקושערקע אַ בעפרייאונגס-אורטייל.

דערמיט אָבער פערענדיגט זיך נאָך נישט דער פערשלעפּטער פּראָצעס, ווארום דער פּראָקוראָר קאָזלאָווסקי האָט בעלייגט אַ קאַסאַציע...:

מוזיקאלישע נאטיצען
1-טער סימפאנישער קאנצערט אין „העלענאוו"
אונטער דער לייטונג פון סעווערין פעטרושקא

נישט איינער האָט זיך גרינג-געשעצט, איבערלייענענדיג איבערן סימפאָנישען קאָנצערט — אַ סימפאָנישער קאָנצערט אין אַ פּראָסטען דאָנערשטאָג? אויסגעפיהרט פון אונזערע היימישע מוזיקער?...

אָבער דער, וואָס האָט געהערט דעם קאָנצערט, איז נישט נאָר, וואָס ער האָט זיך נישט ענטוישט, נאָר האָט געמוזט אַנגענעם איבעראַשט ווערען, אַז גראָד אונזערע היימישע מוזיקער אונטער דער טאַלאַנטפולער און טרעפליכער לייטונג פון אונזער יונגען דיריגענט, ה' פעטרושקע, האָבען דורכגעפיהרט דעם דאָנערשטאָג'דיגען סימפאָנישען קאָנצערט, וואָס איז געווען איבער אַלע ערוואַרטונגען.

סעווערין פעטרושקא איז אַ שפּראָצענדער טאַלענט! איהם שטעהט פאַר אַ גרויסע קאַריערע אַלס גרויסער און בעדייטענדער דיריגענט; ער בעזיצט אַ פענאָמענאַלען מוזיקאַלישען זכרון, און אונגעהויער גרויסען ריטם- און אויפפאַסונגס-געפיהל.

בעסער קען מען זיך נישט פאָרשטעלען די „עגמאָנט-אובערטורע" פון בעטהאָווען, ווי ה' פעטרושקע האָט דאָס אויסגעפיהרט. דער שטרייך-קווינטעט פון סווענטצען, איז געווען אַזוי פּערנימפטיג און גייסטרייך ניואַנסירט, ווי מ'קען עס נאָר ערוואַרטען פון אַ גרויסען רימוגירטען דיריגענט. „לע-פּרעליד" פון ליסט, איז געווען אַ מייסטער-שטיק צום ערשטען אויפטריט פון אַזאַ יונגען דיריגענט. קאַלינניקאָוו'ס גע-מאָל-סימפאָניע, האָט פעטרושקע אַרויסגעפיהלט דעם גאַנצען רוסישען כאַראַקטער, און אויסגעפיהרט מיט אַלע כאַראַקטער-שטריכע „אַ-לאַ ריס". דורכפיהרענדיג די אַלע שטייגערונגען און גיו-אַנסען, ווי נאָר אַ'עכט-רוסישער דיריגענט איז דאָס אומשטאַנד.

ס'איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס ה' פעטרושקע האָט אַלע איבעראַשט, פאַר-וואָס דער עולם האָט דעם קינסטלער בעשאָנקען מיט לאַנגדויערענדע אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע ער האָט עהרליך און כשר פערדינט.

ס'איז געוואונשען, אַז אַזעלכע גענוסרייכע מוזיקאַלישע אָוונדען, זאָלען אָפטער פאָרקומען — ווייניגסטענס איין מאָל אין דער וואָך!

D-ski

ביי דער „ווילנער טרופּע"
דיר. מ. מזאה
אין שטאָט-טעאַטער

„אַנקעל מאָזעס" פון שלום אַש, מיט זיגמונט טורקאָוו אין דער הויפּט-ראָל, ווערט געשפּילט די לעצטע 3 טעג. פון פרייטאָג אָן ווערט אַרויסגענומען אויפ'ן אַפיש דער סענסאַציאָנעלער ביהנע-רעפּערטואַר „זוּעף" פון אַל. טאָלסטאָי און פּ. שטשעגאָלעוו, בעאַרבייט פאַר דער יודישער ביהנע אַנדזשעי מאַרעק. אין וועלכער עס ווערט אַזוי מייסטערהאַפט און ערכאַפענד געשילדערט די לעבענס-געשיכטע פון דעם גרויסען פּראָוואָקאַטאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין „אַזעף" בעטייליגט זיך דער גאַנצער אַנסאַמבל פון דער „ווילנער טרופּע".

היינט צום 2-טען מאל
„מאַדאַם אַ" אין סקאַלא

„מאַדאַם איקס" אין „סקאַלא"-טעאַטער האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלען רושם. בערטא גערסטען האָט זיך אין דער דריטער פּרעמיערע נאָכמעהר פערפעקטאָמענדירט אַלס קינסטלערין ווי אין די ערשטע צוויי פּרעמיערעס.

מען דאַרף האָפען, אַז בערטע גערסטען, וועט דעם טעאַטער, איינהאַלטען אויף דער הויך, צו וועלכען זי מיט'ן קינסטלער-אַנסאַמבל האָבען עס דערהויבען.

מריס קאראלאוואס ערפאלג אין פילהארמאניע

אַזאַ ערפאָלג ווי מריס קאָראַלאָווא האָט אין דער פּרעכטיגער אָפּערעטע „דעם בעקערס טעכטערל" איז זעלטען. דאָס טעאַטער אין פילהאַרמאָניע איז טעגליך איבערפולט און דאָס פּובליקום נעמט אויף יעדען אויפטריט פון דער גלענצענדע אַרטיסטין מיט אונגעוועהנליכע אַפּלאָדיסמענטען. אין 2-טען אַקט טרעט אויף דער טענצער קאַמבאַראָוו וועלכער פיהרט אויס אין בעגלייטונג פון האַרמאָניע אַקראָבאַטישע טענץ.

דאָנערשטאָג ווערט געגעבען צום לעצטען מאָל „מלכהלע".

די פרוי,
וואס מיינט ערנסט מיט איר ליבע

(ענדע פון דער 5-טער זייט)

האָט דער קויפער פון די גנבות לאַנג נישט געוואָרט און באַלד געמאַכט יברח, אונזער פאַבריק-אויפזעהער האָט אָבער נישט געוואוסט וואָס עס איז געשעהן, ביז אַ אַגענט איז צו איהם געקומען דער באַלעבאָס אין דער בעגלייטונג פון צוויי דעטעקטיווס, און וועהרענד די צוויי דעטעקטיווס זענען געבליבען אין דרויסען וואַרטען ביי דער טיר, איז דער פאַבריקאַנט אַריינגעקומען צו זיין אומגעטרייען בעאַמטען און איהם דערצעהלט, אַז מען ווייס אַלץ און עס זענען פעראַן בעווייזען פון דער גאַנצער רויבעריי. ער, דער באַלעבאָס קאָן איהם אַרעסטירען און אַוועקשיקען אויף לאַנגע יאָהרען אין געפענגניש נאָר ער האָט פאַר איהם אַנ'עצה ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

און די עצה איז אַזוי: ער, דער פאַבריקאַנט, האָט געליבט זיין אַנגעשטעלטענ'ס ווייבעל נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט, איז ער צופרידען צו לאָזען אויצט פאַלען די קלאַגע פאַר גנבה, נאָר מיט דעם בעדינג, אַז ער, דער אַנגעשטעלטער, זאָל זיין ווייבעל אָפּ'גט'ן, און זי זאָל איבערזיגען צו הייראַטען איהם, דעם פאַבריקאַנט.

דער שיך-פאַבריקאַנט האָט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג געמאַכט גאַנץ אָפען, און ערקלערט, אַז ביז דאָס ווייבעל וועט ווערען געזעצליך זיינע וועט איהר מאַן זיין בעוואַכט פון דעטעקטיווס.

דער אַנגעשטעלטער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און באַלד איינגעשטימט צו דעם פאָרשלאַג, נאָר די יונגע פרוי איז געווען צומישט און עס האָט ביי איהר גענומען צוויי טעג ביז זי האָט געשלאָסען נאָכצוגעבען, אָבער מיט דעם בעדינג, אַז זי אַליין זאָל אַכטונג געבען, אַז אַלץ זאָל צוגעהן אין אָרדנונג.

דער פאַבריקאַנט האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלד, און אַרויסגעקראָגען אַ גט.

און אַזוי איז אַלץ צוגעגאַנגען אין אָרדנונג, נאָר ווען די לעצטע פּאַפּירען מיט אַלע געזעצליכע פאָרמאַליטעטען זענען איבערגעגעבען געוואָרען דעם פאַבריק-אויפזעהער, אַז ער איז פריי פון אַלע קלאָגען אין גנבה, איז זיין אָפּגעגט'ע פרוי אַריין אין אַ צווייטען צימער און זיך דערשאָסען.

דער דאָזיגער פאַקט רעדט פאַר זיך אַליין, און מיר האָבען דערצו גאָרנישט וואָס צוצולייגען; נאָר מענער, וואָס זענען געוואוינט זיך צו וויצלען איבער פרויען-ליבע, מעגען זיך אויף דער געשיכטע פערטראַכטען, און ווען זיי קאָנען, זאָלען זיי טאַקע דערווייזען, אויב עס האָט ווען זיך געפונען אַ מאַן, וואָס זאָל זיך אַזוי אָפּפערען, ווי יענע יונגע ווייבעל אין דעם פראַנצויזישען שטעטעל.

ח.

פאַרק HELENÓW פאַרק
היינט דינסטאג, מאָרגען מיטוואָך און דאָנערשטאג, 9 אַ זייגער אָוונד
אַרטיסטישע אויפטריטן
פון M. MARSKI קעניג פון הומאָר
ווי אויך טאַנץ-דועט SOLLARI

א סענסאציאנאלער קאנצערט
דער בערימטער חזן משה קוסעוויצקי
מיט'ן סימפאָנישען אָרקעסטער
„אין העלענאָוו"

דעם 27 ד. ח. וועט אין „העלענאָוו" פאָרקומען אַ העכסט-סענסאַציאָנעלער קאָנצערט.

אין דעם דאָזיגען קאָנצערט וועט זיך בעטייליגען דער בערימטער בימה-קינסטלער, דער אויבערקאַנטאָר פון דער וואַרשאָווער סינאַגאָגע, ה' משה קוסעוויצקי. וועלכער וועט צוזאַמען מיטן היגען סימפאָנישען אָרקעסטער אויספיהרען אַ רייה רעליגיעזע און וועלטליכע קאָמפּאָזיציעס.

וויכטיג פאַר שטייער-צאָהלער!
בוכפיהרונג גיט שטייער-הנחות!

בוכפיהרונג שיצט געגען צו הויכער אויסמעסטונג פון די שטייערן. ווער עס וויל איינפיהרען ביי זיך אַ ראַציאָנעלע און ריכטיגע בוכפיהרונג, וואָס ענטשפּרעכט דער פאָדערונג פון רעכט און אוסטאַוו, זאָל זיך ווענדען צו דער ביוראָ „POLJUS" אָפּטיילונג פון בוכהאַלטעריע-עצות

לאָדז, פּיעטריקאָווער 82, טעל. 184-39.

Dr. med.
D. ROZENCWAJG
האָט זיך איבערצויגען אויף
16 Narutowicza 16
(Piłsudskiego 76)
Telefon 128-74.
נעהמט אָן פון 9-10 פריה און פון 6-7 אָוונד

רעווי-טעאטער „GONG"
אין גאָרטען „SCALA" 17 שרודמיעסקא 17

היינט פּרעמיערע!
צירק איז געקומען
(ווען אַ פרוי זאָגט ביילך...)
רעוויו אין 3 אַקטען, 24 בילדער מיט K. Masłowa, N. Tomska, E. Reden, Wł. Sadorski
אין דער אויסגעצייכענטער יודיש-פוילישער אַרטיסט און זינגער
הענריק ווורובעל-וורובלעווסקי
אַנהויב טעגליך 8 און 10 אָוונט. שבת און זונטאָג 6, 8, 10 אָוו.

היינט פּרעמיערע! מעכטיגע עראָטישע זיטען-דראַמע, געשאַפען אויפ'ן גרונד פונ'ם לעבען פון פרויען מיט לייכטע זיטען א. נ.
„ווען א פרוי איז שעהן"
אין די הויפּט-ראָלן: די פאַסצינירענדע און פערפיהרערישע LILY DAMITA ווי אויך דער פּרעכטיגער ANDER LUGUET
אנהויב פון די סעאַנסען אין געוו. טעג 6 נאָכמ.. שבת און זונטאָג — 3 בייטאָג.
הנהלה-בילעטען גילטיג אַהן בעגרענצונגען.
דער זאַל איז מעבליש ווענטילירט.

בילינער ווי איבעראל

אויפ׳ן זומער-סעזאן פעלד-בעטלעך פון אייגענער אויספיר-בייטונג. לעזשעקעס, האמאקעס, קינדער-בענקעלעך, אייזערנע צו-לייג-בעטלעך, מאטראצען. ספארט-וועגעלעך צו פאבר קס - פרייזען עמפפעהלט

KRAJOWA CENTRALA ŁOZEK
66 Piotrkowska 66

פאדערט איבעראל די בעוואוסטע פעלד-בעטען מיט דער פירמע „CENTRA"

בעמ.: כ׳בארג אויס בעטלעך אויף זומער-וואוינונגען

יעדער איינציגער

האט זיך אי-בערציינט, אז פאר

מעבעל

דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען אז״וו

צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן שענקעוויטש 23

טעלעפאן 191=00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצט מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

Dr. med.

M. TAUBENHAUS

פרויען- און אקושעריע-קראנקהייטען

זגערזשער 11, טעל. 246=09

נעהמט אן פון 1—3 און פון 5—8 אוו.

א הייל=אנשטאלט

פאר אוירען, נאז, האלז און אטעם=קראנקהייטען

Dr. Z. RAKOWSKI פון

אין כעלמי (הינטער לאדז)

נעהמט אן אנמעלדונגען אויף צו זיין און אפעראציע, הילף. — פיזיקאלישע היילונג, הייל-בעדער, זון-לופט, בעדער, הייל- און אטעם-גימנאסטיק.

צו ערפאהרען אויפ׳ן ארט אדער 11 ליסטאפאד 9 טעל. 127-81 1868

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

קויפט און פערקויפט

א קאראקולענעם דאמען-פאלטאן מיט א סקונגס-קראגען פון גאנצע פעל, געלעגענהייטליך צו פערקויפען. זאכאדניא 45, צימער 32. 4871

פערשידענעס

א פלאץ צו פערפאכטען מיט שאפעס אין צענטרום שטאדט. צו ערפאהרען סקלאדאווא 30. פון 10 ביז 5 נאכמ. 4370

כ׳זוך צו דינגען אנ׳ארט אויף קויהלען אין א בעווארנטער געגענד, אדער א שוין-איינגעפיהר-טען קויהלען-האנדעל. אפערטען אונטער „קויהלען" אין אדמ. פון דער צייטונג.

UZDROWISKA אטוואצק. קלימאטישע וואלד-סטאציע, היילט ווירקזאם לונגען-קראנקהייטען, הארץ, נערוועז, בלוטארימקייט, אויסגעמאטערטקייט, זאגאר רוקען-קראנקהייט, צאהלרייכע סאנאטאריומס, קאמפארט איינגעארדענטע פענסיאנאטען. מעסיגע פרייזען.

ענטשולדיגונג. דערמיט בעט איך ענטשול-דיגונג ביים טישלער-צעך (בושעזשינער 7) פאר מיין נישט טאקטישע האנדלונג און פערזיכער, אז אזעלכעס וועט מעהר זיך נישט ווידערהאלען. אלס צייכען פון חרטה שפענד איך 10 זל. לטובת דער פעראיינס-קאסע. מענדעל טאביאס.

פרייז באמטענס

א פרעסער איז נויטיג קאנסטאנטינער 6, וואוינונג 18.

לאקאלען

א לאקאל, בעשטעהענד פון 2 גרויסע צי-מערן אין צענטרום שטאט, זאוואדזקא, נאהענט פון פיעטריקאווער, אוועקצוגעבען אויף א גאנצען טאג פון 9 פריה ביז אוונד, גוט פאר א ביורא א.ז.וו. צו ערפאהרען אין ארמינ 1376

POLSKA

Agencja Publicystyczna

Warszawa, Marszałkowska 95

מאכט בעקאנט, אז דער פערטרעטער אויף לאדז איז געווארען

ה׳ ווילהעלם זעהמאן

לאדז, נאווראט 8, טעל. 128=06.

חדר „תורה ודת"

עם ג״ז=ילדים

פל. וואלנאשטשי 6 (נייע שטאט)

מאכט בעקאנט דאס נאך א גרינדליכע רעמאנט ווערט דאס חדר צום נייעם שול-יאהר פולשטענדיג רעארגאניזירט און פערפולקאמט אויף אלע געביטען פון למודי קודש און למודי חול.

איינשרייבונגען פון נייע תלמודים אויפ׳ן קומענדיגען שול-יאהר 1932/33 אין אלע מחלקות ווי אויך אין גן=ילדים (פרעבעל-שול) קומען פאר פון כ״ג אייר (29 מאי) פון 9—1 טעגליך.

עלטערן! פערשרייבט אייערע קינדער אין חדר „תורה ודת" ווי ס׳ווערט געלייגט גרויס אכט אויף דער ערציהונג און דרך-ארץ׳דיגע אויפפיהרונג און ס׳ווערט געלערנט דורך מלמדים ספעציאליסטען תורה ודרך ארץ און אלעס.

וואס א יודיש קינד דארף צו וויסען!

קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען אהיים געפיהרט דורך א ספעציעלען מענש.

צוליב׳ן קריזיס הנחה=פרייזען

Doktór

Łagunowski

Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.

choróby skórne, weneryczne i moczopłciowe

(Naświetlania promieniami Roentgena.

Przyjmuje od 8[30] do 9½ rano, od 1-ej do 2[30] pp od 6 do 8[30] w., w niedzielę i święta od 9 do 11[30] rano.

Dr. med.

Z. Datyner

אוראלאג

ספעצ. ארצט פאר בלאזן נירען און אורין-קראנקה.

פיראמאוויטשא 2, טעל. 148-95.

נעמט אן פון 6—8 נאכמ.

ריטשניצע

פון דאקטוירים=ספעציאליסטען

17 זגיערזשער 17,

טעלעפאן 116=33

ס׳נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטען ד״ר גאלדשטיין=פאלאק, ד״ר יוסטמאן, ד״ר מ. קאנטאר, ד״ר ציעגע, ד״ר ראקאווסקי, ד״ר ראזענצווייג, ד״ר רוזשאנער, ד״ר ווײנבערג, ד״ר סטופעל. צאהן-ארצט גראדזיענטשיק=קאראשיאווא

ווי אויך וויזיטען אין שטאט.

רענטגען-בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע. עלעקטריזאציע און ערצט. יכע אנאליזען.

„SANATO"

כירורגיש=וועכנעריז-אנשטאלט

אגראדאווא 10, טעל. 213-57

1-טע און 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד״ר מעד. ש. אייגער, ד״ר מעד. י. בוים, ד״ר מעד. רייטלער=סוריאנסקא ד״ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט

אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד״ר מעד. י. פאלאכאוו כירורגישע אפטיילונגפון ד״ר מעד. מ. קאנטאר.

Starszy Felczer

L. Tajchner

אלטשטאדט 12 טעל. 165-72

בעזיצט א 23-יעהריגע שפיטאל-פראקטיק אין ווארשא און אין לאדז.

נעהמט אן קראנקע פון אלע ספעציאליטעטען א גאנצען טאג.

פאר ארימע אויפנאהם פון 8—10 פריה נור 1 זל.

פאקעז=שטעלן מיט פרישע קראוויאנקע און גים ארויס בעשייניגונגען.

Dr. Wajnberg

ציגעל=גאס 11, טעל. 126-02

ספעציאליסט פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוונד.

זיכערע הילף און א רפואה

אהיז א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט ארײן אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראגדינג און שטערבליך. ספעציעל נוצענע היי-לבאנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר דאקטאר בראכירעווינר בעזייטיגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס, לייטונגען מיט הייל-גארטעטען און אפא-ראטען פאר פערקרומטע פוס און פלאט-פוס, ספעציעלע איינלאגען אין די שיך קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דעם פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד״ר בראנטש, פראפ. ד״ר י. מאריש-לער, פראפ. ד״ר בר. קעלאנאווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דעם ה׳ דיר. י. ראפאפארט, דעם ספעציאליסט פון דער הייל-ארטאפעדיע, וואוינהאפט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10, דאנק איך הערצליך פאר׳ן אפראטשעזען מיין קינד פון א שווערער פערקריפלונג (פאראליזש פון די פיס) דורכ׳ן פערלענגען א ספעציעלען הייל-ארטאפעדישען גארסעט לויט זיין מעטאדע. דאס קינד איז איצט גענצליך געזונד און גלייך.

(—) Szklárowie.

— די —

בעוואוסטע פעלד=בעטן

„Palma-Patent"

Palma-Patent

וואס זענען אלעמען בעקאנט מיט זייער פראקטישקייט און דויערהאפטיגקייט מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר

ווי אויך לעזשאקעס, פעלד - בעטלעך און פעלד - בענקלעך

מאטראצען

גענעטע שאטקאווע, קאנאדיסקע קאזעטקעס, טאפטשאנעס

בעקומט מען נור אין דער בעקאנטער פאבריק

לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 113=85.

הורט דעטייל

SANATORJUM „PALACE"

פאר דערוואקסענע און קינדער

אין כעלמי (הינטער לאדז)

נעמט אן אלערארט קראנקע און רעקאנוואלעסצענטן.

אויפזיכט פון דאקטוירים-ספעציאליסטען.

הייל-בעדער. מאראמען צו זון-לופט-בעדער ווערטענדעם פאר לעזשאקעס. הייל- און אטעם-גימנאסטיק. טעניס-שפיל און אנדערע פערוויילונגען. — לויטענד וואסער אין די צימערן, שעהנע געגענד אין סאסנאווע וואלד.

אידעאלע אברוה=בעדינגונגען.

Dyrektor
Dr. RAKOWSKI. 3057

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע

גרויסער אויסוואהל

שפאצירוואגענס

אייזענע - ניסעל-בעטען

מאטראצען

ספרענזינאווע „Patent"

ווילזשימאטשקעס אמעריקאנער

צו בעקומען אין פאבריקס-לאגער

„DOBROPOL", Łódź
Piotrkowska 73 (אין הויף)

Dr. med.

REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספעציאל-ארצט פאר מענער=שוועכע=בעהאנדלונג

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אן פון 8 — 11 פריה און פון 5 — 8 אוונד זונטאג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאג.

Dr. med.

W. Eychner

אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „משארי") טעל. 134=72

נעהמט אן פון 2½ — 4 און פון 7 — 8 אוונד

Dr. med.

Paulina Gewircówna

אורדינירט אין **פאדעמביע**

אין טעפפער׳ס ווילע

(אנטקעגען איבער פיינ׳ען) 4282

Dr. med.

Haltrecht

ספעציאל-ארצט פאר הויט= און געשלעכטס=קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245=21

נעמט אן פון 5—9 אוו., זונטאג פון 10—1 בייטאג פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע - פרייזען.

אנאנסען-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א װארט מיט ... אין ארט ... — 8 זל. פאר׳ן איינהאלט און טערמינען ... די אדמיניסטראציע ... פאר׳ן טעקסט — 13 גר. ... אין טעקסט — 40 ... נעבן טעקסט — 12 ... אין ערב יו״ט — 24 גר. אין דער ווייטע ... 4 ... 60— ... 8 ... 18— ... 100 ... 10 גר. ... 50 ...

Wydawca: Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Braustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. [illegible]

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska [illegible]